


קרית
ברסלב
בלעטל

שנה ה' נומער 229 פרשת פנחס תשפ"ד


# היסטאריש: פרעזידענט בײדען טרעט ארויס פונעם פארמעסט

וואס מײנט דאס פאר מיר? זײט 12

**שאלה ותשובות:** לערנען אלײן, אדער מיט א חברותא? 11

**אלץ און אלעמען:** וויאזוי לעבט די עמיש געמײנדע אן עלעקטריציטעט? 14

**מיט א טיפערן בליק:** געלע וואסער מעלאנע 30

פרשת פנחס תשפ"ד • 229

**רעדאקטאר**
אברהם הערש וועבערמאן
**שרייבערס**
משה ארי' שניטצלער
גרשון קרעמער
ישראל דוד העסקעל
ל. וועבערמאן
מ. פאפנהיים
ש. ל. פליישמאן
שמעון עוזר פערל ומשפ
**מגיה**
אברהם יצחק אייזנער
**ניקוד**
יודא לייב ווייס
**גראפיקס**
ישראל העסקעל
בערל שניטצלער
**מעלערס**
יחיאל בלאשן
רבקה קרול

צו אדווערטייזן
אדער ארייגשיקן
בריוו, קאמענטארן און
ענטפערס
845-379-1161
136-Huschke Rd
Hurleyville NY 12747
breslevofficelibertygmail.com

דעדליין אריינצושיקן
עדס איז זונטאג 1:00
לעצטע דעדליין זונטאג 6:00


9

12



26


4 בריוו צו די רעדאקציע
8 קרית ברסלב נייעס
9 אלץ און אלעמען
10 היכל הקודש נייעס
14 מעשיות פון תפילה
26 מעשה פון א צדיק
30 מיט א טיפערן בליק
45 קינדער בלעטל
53 געשעענישן


צו באקומען די קרית ברסלב בלעטל ביים טיר רופט:
718-387-2691
Subscribe@kerenhadfusa.org

לקבלת הקרית ברסלב בלעטל בדואר התקשרו:
077-930-9648

צו באקומען די קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Breslevcenter.com
Gilyoines.com

קול ברסלב:
212-444-9191
א"י: 079-70-400-66

חיזוק פאר די אידישע שטוב:
212-444-9169
א"י: 079-70-400-69

# מודעה משמחת

*דער ראש ישיבה*
*שרייבט אין א בריוו:*

אז דו דארפסט א ישועה - זאלסטו געבן צו דרוקן די הייליגע ספרים "אשר בנחל" און די הייליגע קונטרסים.

מען זעט אפענע ישועות ווען מען העלפט דרוקן די הייליגע ספרים און קונטרסים וואס זענען מגלה און מפרסם דעם אייבערשטן, א שאד צו זוכן סגולות וואס האבן נישט קיין מקור און וואס העלפט נישט - און דארט געבן די געלט, ווען מיר האבן א קלארע הבטחה פון מוהרא"ש זכותו יגן עלינו, וואס האט מבטיח געווען אז ווער עס וועט געבן געלט צו דרוקן דעם ספר "אשר בנחל" וועט זען גרויסע ניסים.

חלק ב'

קרן הדפסה היכל הקודש גרייט זיך אין די טעג צו איבערדרוקן דעם **צווייטן באנד** פונעם הייליגן ספר **"אשר בנחל אידיש"**, געשריבן געווארן מיט מסירת נפש פאר אונז תלמידים אין אמעריקע דורך **מוהרא"ש זי"ע**, נאכדעם וואס עס איז שוין נישט דא צו באקומען, **קויפט א זכות און זעט אפענע ישועות.**

זכות
אשר בנחל
$500




יעצט קען מען אויך האבן די זעלטענע געלעגנהייט
צו קויפן דעם זכות מהדורה פאר $10,000

קרן הדפסה
היכל הקודש ברסלב

**פארבינדט אייך היינט מיטן גבאי**
**מו"ה לייבי ראטה הי"ו 347-578-4449**

*sruliHeskel

# בריוו צו די רעדאקציע

## איבערן אור החיים הקדוש, און נאך.

לכבוד די חשוב'ע מערכת קרית ברסלב בלעטל הי"ו,

יישר כח פאר די הערליכע אויסגאבע וואס סערווירט די גאנצע משפחה מיט ערליכע ליינווארק, בפרט מיט די פרישע הוספה "הלכה ווינקל" פון הרה"ג דער דיין שליט"א, וואס מאכט זייער א גוטע און געשמאקע איינדרוק און איז זייער אינטערעסאנט צו ליינען, כה לחי! דער אייבערשטער זאל העלפן ענק זאלן קענען ווייטער אנגיין ביתר שאת וביתר עוז.

מוצאי שבת פרשת בלק ביי מלוה מלכה האט דער ראש ישיבה גערעדט פונעם בעל ההילולא, דער הייליגער אור החיים הקדוש (רבינו חיים בן רבי משה) זכותו יגן עלינו. דער ראש ישיבה האט דערמאנט דאס וואס דער אור החיים הקדוש שרייבט אין פרשת תצא (דברים כו, יא): "אם היו בני אדם מרגישין במתיקות ועריבות טוב התורה, היו משתגעים ומתלהטים אחריה, ולא יחשב בעיניהם מלא עולם כסף וזהב למאומה, כי התורה כוללת כל הטובות שבעולם", אויב וואלט מען געשפירט די זיסקייט פון די הייליגע תורה, וואלט מען גארנישט געוואלט, נאר די הייליגע תורה, און דער ראש ישיבה האט דערמאנט א שיינעם ניגון אויף די ווערטער, פארפאסט דורכ'ן באקאנטן ליטווישער/חסידי'שער קאמפאזיטאר הרב הלל פלאי שליט"א, וואס ווערט אראפגעזינגען דורך ר' ישראל ווערדיגער הי"ו.

דערנאך האט דער ראש ישיבה געזאגט אז דער הייליגער רבי זאגט די זעלבע זאך, רבי נתן ברענגט דאס אין שיחות הר"ן, סימן יז: "וְאֵין צָרִיךְ לוֹמַר, כְּשֶׁהַתּוֹרָה מַרְאָה אַהֲבָה לְאֶחָד, אָז אֵין רוֹצֶה כְּלָל עוֹלָם הַבָּא, רַק שֶׁרוֹצֶה אֶת הַתּוֹרָה בְּעַצְמָהּ", איינמאל א מענטש איז זוכה זיין צו שפירן א ליבשאפט צו די תורה, וועט ער שוין נישט דארפן - נישט די וועלט און נישט יענע וועלט; די זעלבע זאך ווי פריער דערמאנט, אז איינמאל א מענטש שפירט דאס זיסקייט פון די תורה, גייט ער אויס פאר דעם, ער דארף שוין גארנישט אויסער די תורה.

עס איז אינטערעסאנט צו זען אז מ'טרעפט נאך עטליכע ענליכקייטן צווישן דעם הייליגן רבי'ן און דער אור החיים הקדוש זכותו יגן עלינו.

דער רבי זאגט אין ספר המידות (אות ניאוף, סימן י): "לֹא תִּכָּנֵס עִם פִּתּוּיֶיךָ בְּטוֹעֵן וְנִטְעָן, כִּי אֲרִיכַת הַרְגָּשַׁת הַחוֹשֵׁב אֲפִלּוּ לִבְחִינַת הַשּׁוֹלֵל תִּפְעַל הַגְבָּרַת הַחֵפֶץ וְתִתְהַפֵּךְ הָרָצוֹן אֵלָיו", און ווי דער ראש ישיבה טייטשט דאס אין די בריוון: "מען זאל נישט רעדן מיט איינעם וואס וויל אריין שלעפן אין עבירות - נישט לטוב און נישט לרע; נישט זאגן איך גיי טון און אויך נישט זאגן איך גיי נישט טון, ווייל דאס עצם רעדן מיט א מניוול איז סכנות נפשות", אדער: "מיט שמוץ טאר מען נישט האבן קיין מגע ומשא", אדער אין נאך א פלאץ: "מען זאל נישט אנהייבן קיין שום שייכות מיט א שלעכטער מענטש, אפילו סתם רעדן אדער טענה'נען; ווייל דאס איז דער וועג ווי אזוי זיי כאפן אריין מענטשן אין זייער זאק".

דעם זעלבן לשון טרעפט מען אין אור החיים הקודש פרשת אחרי (ויקרא יח, ג): "לא תכנס עם פתוייך בטוען ונטען, כי אריכות הרגשת החושב אפילו לבחינת השולל תפעיל הגברת החפץ ותהפך הרצון אליה", הגם אז דער אור החיים הקדוש רעדט פון מחשבות, און מוהרא"ש און דער ראש ישיבה פארטייטשן דעם ספר המדות אז דאס גייט ארויף אויף זיך טענה'ן מיט מענטשן; עכ"פ מיר דארפן בעטן דעם אייבערשטן און זיך האלטן שטארק זיך נישט צו טענה'ן מיט קיינעם, נישט מיט שלעכטע מחשבות און נישט מיט מענטשן, אזוי ווי דער ראש ישיבה ברענגט פון הייליגן רבי נתן, "די וואס האבן זיך גע'טענה'עט האבן זיך נישט דערהאלטן".

דער ראש ישיבה האט דערמאנט ביים שיעור ביי מלוה מלכה, מוצאי שבת קודש פרשת חקת די ווערטער פון הייליגן רבי נתן אין ליקוטי הלכות (תרומות ומעשרות הלכה ג, אות ג), די גמרא זאגט אז דער אייבערשטער האט אנגעכאפט ירבעם בן נבט און אים געזאגט: "טו תשובה און איך, דו און דוד המלך וועלן שפאצירן אין גן עדן", האט ירבעם געפרעגט דעם אייבערשטן: "ווער וועט זיין ערשט?" זאגט דער ראש ישיבה, לכאורה, ירבעם איז דאך געווען א גרויסער חכם, וואס איז פשט פון זיין שאלה ווער איז ערשט? דאס איז דאך א נארישע קשיא,

ווען מ'גייט שפאצירן מיט צוויי מענטשן גייט מען זייט ביי

זייט, מ'גייט נישט איינער פארן צווייטן, קען מען האבן צוויי אין די זייט, איז וואס איז פשט פונעם "מי בראש"? האט אים דער אייבערשטער געזאגט: "דוד", האט ירבעם געזאגט דעמאלט וויל ער נישט תשובה טון; זאגט רבי נתן, ס'קען דאך נישט זיין אז דא ליגט עפעס טיפשות, ווייל דעמאלט וואלט אים דער אייבערשטער נישט געגעבן די אפציע, אז דער אייבערשטער זאגט פאר א מענטש טו תשובה און איך וועל שפאצירן מיט דיר אין גן עדן, מוז זיין אז ער איז געווען גאר א גרויסער מענטש, אויב אזוי וואס איז געווען זיין נקודה? נאר ער האט געוואלט וויסן, אויב א מענטש וואס האט שוין געזינדיגט און ער טוט תשובה, אויב ער קען אנקומען צו זיין בראש, אדער זיין א בעל תשובה, דאס הייסט עס איז דא א צדיק וואס האט קיינמאל נישט געזינדיגט, און איך בין צווייט, האט אים דער אייבערשטער געענטפערט אז דוד איז בראש.

זאגט רבי נתן א מורא'דיגע זאך, באמת ווען א מענטש טוט תשובה - קומט ער אן בראש, אבער אויב די גאנצע תשובה איז נאר בתנאי אז איך קען ווערן א צדיק גמור, איך קען נישט קיין האלבע מעשיות... - דאס איז נישט תשובה, דערפאר האט אים דער אייבערשטער געענטפער אז דוד וועט זיין בראש, טו תשובה און זיי צווייט, עכט גייט ער נישט זיין צווייט, ער גייט דאך שפאצירן צוזאמען, וואס דעמאלט איז נישט שייך ערשט אדער צווייט; דער אייבערשטער וויל מ'זאל תשובה טון אן קיין תנאים, נישט אנהענגען די תשובה אין ספעציפישע תנאים, נאר קומען צום אייבערשטן, אים איבערבעטן, תשובה טון און ארייכאפן וואס מען קען; אוודאי אויב מען טוט תשובה קען מען אנקומען צו די העכסטע מדריגות, אבער מ'טאר נישט אנהענגען די תשובה אין דעם.

ענליך צו דעם טרעפן מיר אין די ווערטער פון אור החיים הקדוש (במדבר כג, י): "ראיתי רשעים שאמרו לי בפירוש כי אם היו יודעים שיחזרו בתשובה, ותיכף ימותו היו עושים, אלא שיודעים שאינם יכולים לעמוד בתשובה זמן ארוך, כי דבר מלך עליהם מלך זקן וכסיל רח"ל", געוויסע רשעים האבן מיר בפירוש געזאגט אז אויב וואלטן זיי געוויסט אז נאכן תשובה טון וועלן זיי גלייך שטארבן און מער נישט קענען צוריק פאלן און טון עבירות - וואלטן זיי תשובה געטון, ווייל זיי קענען זיך נישט שטארקן איבערן יצר הרע פאר צו א לאנגע צייט און נאכדעם נאכאמאל אראפפאלן, האלבע מעשיות; דאס האט בלעם געמיינט צו זאגן מיטן "תמות נפשי מות ישרים", אבער דער אייבערשטער וויל נישט דאס, דער אייבערשטער וויל מ'זאל תשובה טון אן קיין תנאים, און זען אריינצוכאפן וואס מער גוטס.

זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל, אמן.

שבת אינדערפרי האט דער ראש ישיבה געלערנט זוהר הקדוש מיט זיין זון אין גן עדן התחתון ווען עטליכע אנשי שלומינו זיצן ארום, ווען איך בין אנגעקומען ארום ניין אזייגער, האט מיך דער ראש ישיבה געפרעגט פארוואס איך בין געקומען צו גיין א שעה וועג אים צו זען זאגן זוהר מיט זיין זון... עס האט נישט קיין פשט... איך האב גארנישט געענטפערט, און דער ראש ישיבה האט מיר נאכאמאל געפרעגט און מיר געזאגט איך זאל אים ענטפערן, האב איך געענטפערט אז זיצן ביי דעם שיעור מאכט מיך פאר אן ערליכער איד... דער ראש ישיבה האט דאס עטליכע מאל במשך דעם שיעור געזאגט, אז ער ווייסט נישט פארוואס מ'קומט זען ווי ער זאגט זוהר מיט זיין זון...

ברוך ה' מיר האבן זוכה געווען צו הערן זייער שיינע חיזוק און עצות, לעובדא ולמעשה. דער ראש ישיבה האט געלערנט פון פרשת תרומה דף קסה, ביז דף קע.

דער ראש ישיבה האט פארגעלערנט א מעשה אין זוהר הקדוש וואס מיר וועלן דא אראפברענגען בקיצור, רבי חייא און רבי יוסי זענען איינגעשטאנען ביי אן אכסניא, ביי חצות זענען זיי אויפגעשטאנען לערנען די הייליגע תורה.

די טאכטער פונעם בעל אכסניא איז אויפגעשטאנען און זיי אנגעצינדן א ליכט און זי האט זיך געזעצט פון הינטער זיי צו הערן ווי זיי לערנען. האט רבי יוסי אנגעהויבן דרש'ענען דעם פסוק כי נר מצוה ותורה אור, בתוך הדברים האט ער געזאגט אז דורך דעם וואס די מענער לערנען תורה, צינדן זיי אן די ליכט וואס די פרויען גרייטן צו.

הערנדיג דאס האט די פרוי אנגעהויבן צו וויינען, אינצווישן איז איר טאטע - דער בעל אכסניא - אויפגעשטאנען, און ער זעט זיין טאכטער וויינט, פרעגט ער איר פארוואס זי וויינט, האט זי איבערגעזאגט וואס רבי יוסי האט געזאגט, אז אויב א פרוי האט א מאן וואס לערנט איז ער משלים אירע מצות, האט ער אויך אנגעהויבן וויינען, זאגט אים רבי יוסי, איר וויינט ווייל דיין איידעם לערנט נישט...? זאגט ער זיי אז יא, און אויף דעם

# בריוו צו די רעדאקציע

וויינען זיי שטענדיג... און ער האט דערציילט אז איינמאל האט ער געזען זיין איידעם זיך מוסר נפש זיין צו הערן א קדיש, ער איז געשפרינגען פון א דאך צו הערן קדיש, וועגן דעם האט ער אים גענומען פאר אן איידעם, מן הסתם אז ער איז זיך מוסר נפש צו הערן קדיש געוויס לערנט ער תורה, אבער מיר זעען אז ער קען נישט מאכן ברכות, ער קען נישט בענטשן, ער קען נישט ליינען קריאת שמע... זיי ווילן זי זאל זיך גט'ן פון אים.

אינצווישן איז דער איידעם אנגעקומען און רבי יוסי רופט זיך אן, איך זע יא אין אים א ליכטיגקייט פון לערנען תורה, אדער איז די ליכטיגקייט פון א זון וואס ער וועט האבן.

דער אינגערמאן האט זיך צושמייכלט און רופט זיך אן, אזוי ווי איך בין נאך יונג האב איך אפגעמאכט ביי מיר אז איך וועל נישט רעדן ביז צוויי חדשים פון מיין אנקומען אהער, היינט האט זיך געענדיגט די צוויי חדשים, איז יעצט אז איר זענט אהערגעקומען וועל איך אנהויבן זאגן תורה, און ער האט אנגעהויבן דרש'ענען סודות התורה, דער אינגערמאן איז געווען א באהאלטענער צדיק, עס איז געווען באהאלטן אין אים סודות התורה.

נאכדעם האט ער זיי געזאגט, איך קום פון בבל און איך בין א זון פון רב ספרא, איך האב נישט זוכה געווען צו קענען מיין טאטע. איך בין אנגעקומען אהער קיין ארץ ישראל, און איך האב מורא געהאט זיך צו עפענען דאס מויל, ווייל דא זענען דא לייבן אין תורה, האב איך זיך פארגענומען נישט צו רעדן דברי תורה מיט קיין שום מענטש פאר צוויי חדשים, יעצט אז די צוויי חדשים האבן זיך שוין געענדיגט - וואויל איז מיר אז איך האב ענק געטראפן, האט רבי יוסי זיך צוואויינט אויפן קול און אלע האבן געקושט דעם אינגערמאן אין שטערן, און רבי יוסי האט זיך אנגערופן אשרינו אז מיר האבן היינט זוכה געווען צו הערן זאכן וואס מיר האבן נאך קיינמאל נישט געהערט.

נאכדעם זאגט דער אינגערמאן, אזוי ווי איך האב געזען די צער פון מיין שווער און זיין טאכטער וועל איך קודם דרש'ענען אין ברכת המזון, נאכן דרש'ענען אין ברכת המזון האט רבי יוסי געזאגט: "היינט איז דיין חתונה, מיר וועלן נישט ארויסגיין פון דא ביז מ'וועט מאכן א סעודה פאר די גאנצע שטאט", מ'האט צאמגערופן די גאנצע שטאט און געמאכט א חתונה, מ'האט געבענטשט די כלה מיט ברכות און איר אנגערופן "כלה", און מ'האט זיך געפרייט א גאנצן טאג; אנשטאט א גט איז געווארן א חתונה...

דעם קומענדיגן טאג האבן זיך רבי יוסי און רבי חייא געגרייט צו גיין, זיי האבן געבענטשט די משפחה און געגאנגען אין זייער וועג.

ווען זיי זענען אנגעקומען צו רבי שמעון בר יוחאי האבן זיי אים דערציילט די גאנצע מעשה, האט זיך רבי שמעון בר יוחאי אנגערופן, איך האב זיך דערמאנט אז איין טאג בין איך געגאנגען אין וועג מיט רבי ספרא, דער פאטער פון דעם אינגערמאן, און ווען מיר האבן זיך געזעגנט האב איך אים געבענטשט ער זאל זוכה זיין צו א זון וואס זאל זיין א לייב אין תורה, אבער איך האב אים נישט געווינטשן ער זאל זוכה זיין צו זען די נחת, ע"כ.

פון דעם איז דער ראש ישיבה אריין אין א הערליכע שמועס, ווי אזוי א שווער דארף אנקוקן אן איידעם, אז אינעם איידעם ליגן באהאלטן סודות התורה, ווי מ'דארף קוקן אויף די גוטס וואס דער איידעם האט, אז ער לייגט תפילין יעדן טאג, ער גייט מיט ציצית, און אזוי ווייטער די פשטות יהדות. דער ראש ישיבה האט געזאגט ס'איז דא איין פראבלעם, אז ווען מ'מאכט חתונה די קינדער איז מען שוין א דור געריקט, דער איידעם איז צוואנציג און דער שווער איז פערציג, וואלטןביידע געווען צוואנציג - וואלט אלעס געווען פיין און וואויל, דער ראש ישיבה האט געזאגט: "ביי די פערציג קען מען שוין נישט דילדן דאס וואס מען האט אליינס געטון ביי די צוואנציג..."

אזוי האט דער ראש ישיבה מאריך געווען בדברי הדרכה ווי אזוי מ'דארף אנקוקן גוט די קינדער, זיי מחשיב זיין, מחשיב זיין די גוטס וואס זיי האבן, און אזוי וועלן זיי אויפשטעלן שיינע ערליכע דורות און מ'וועט זען נחת ביי זיי.

און דער ראש ישיבה האט דערנאך צוגעלייגט אז דאס איז נישט נאר ביי אן איידעם, נאר דאס מיינט מען אויך די זין...

בײ עטליכע שטיקלעך דורכאויס דאס לערנען האט דער ראש ישיבה אויסגעשמועסט שיינע זאכן, צום ביישפיל, אין דף קס"ו ע"ב שטייט: "עַל יְדוֹי דְהַאי צַדִּיק, דְּאִיהוּ גְּנָנָא דְּגִנְתָּא", און אביסל ווייטער: "כָּל עָלְמִין אִתְּזָנוּ בְּסִפּוּקָא דְּהַהוּא גְּנָנָא, דְּאִקְרֵי צַדִּיק", האט דער ראש ישיבה געזאגט, דאס זאגט דער רבי (סיפורי מעשיות מעשה יג, דעם צווייטן טאג) אז דער צדיק איז דער אגראדניק, און דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט: "גאנץ

סיפורי מעשיות איז געבויעט אויפן זוהר הקדוש".

"כְּתִיב יְהִי מְאֹרֹת חָסֵר ו' וְאִתְמַשְּׁכָא אַסְכָּרָה בְּרַבְיֵי", דאס האט דער ראש ישיבה פארטייטשט אז דאס מיינט מען אז עס פעלט די אמונה, דער ראש ישיבה האט זיך אומגעקוקט צי די מלמדים וואס זענען געזיצן דארט און האבן דאס אויסגעהערט.

"אָמַר רַבִּי יוֹסִי זַכָּאָה חוּלָקָנָא דְּזָכֵינָא בְּהַאי אָרְחָא, לְמִשְׁמַע מִלֵּי דְּעַתִּיק יוֹמִין מִפּוּמָךְ, מַה דְּלָא זָכֵינָן לְמִשְׁמַע עַד הַשְׁתָּא", דא האט דער ראש ישיבה אויסגעפירט, דארפן מיר אלע תשובה טון, אז מ'האט געהאט טענות און מ'האט נישט מחשיב געווען די קינדער און איידעמער.

"וְאָכַלְתָּ לִפְנֵי ה' אֱלֹקֶיךָ, וְכָתוּב אֶחָד אוֹמֵר (דברים כז) וְשָׂמַחְתָּ לִפְנֵי ה' אֱלֹקֶיךָ", דא האט זיך דער ראש ישיבה אנגערופן אז דיביידע פסוקים זענען ראשי תיבות יוא"ל... וְ'אָכַלְתָּ לִ'פְנֵי ה' אֱ'לֹקֶיךָ, וְ'שָׂמַחְתָּ לִ'פְנֵי ה' אֱ'לֹקֶיךָ.

ביי די שטיקל "וְאִצְטְרִיךְ דְּלָא יִתְעַסֵּק בְּמִלִּין בְּטֵלִין, וּבְצָרְכֵי סְעוּדָה, וְאִצְטְרִיךְ לְאִתְעַסְּקָא בְּמִלִּין דְּאוֹרַיְיתָא, דְּהָא כַּד מִלִּין דְּאוֹרַיְיתָא אִתְּמָרוּ עַל פָּתוֹרָא, יָהִיב הַהוּא בַּר נָשׁ תֻּקְפָּא לְמָארֵיהּ", איז דער ראש ישיבה אריין אין א שיינע שמועס וואס מ'זאל רעדן ביי די שבת סעודות, אפגעזען אז מ'זאל חס ושלום נישט רעדן ניבול פה און לשון הרע, מ'זאל דערציילן שיינע מעשיות און שמועסן שיינע זאכן, מ'מעג אפילו רעדן נייעס, אבער עס זאל צוריקקומען צום אייבערשטן.

דערנאך האט דער ראש ישיבה אויסגעפירט, אז מ'זעט ווען עס איז געווארן שלום צווישן דעם אינגערמאן און זיין ווייב איז געווארן אזוי פרייליך, מ'האט גערופן די ווייבל "כלה", און מ'האט נאכאמאל געמאכט א חתונה, דאס איז אזוי ווי ווען מ'ווערט מקורב צום רבי'ן, דעמאלט האט מען פון פריש חתונה

דער ראש ישיבה האט דערציילט אז א אינגערמאן האט אים געפרעגט ביי איינע פון די שיעורים ווי אזוי מ'קען צוריק לעבן אזוי ווי שנה ראשונה, האט דער ראש ישיבה געזאגט, וואס איז די גדולה פון סתם שנה ראשונה? אויף די צייט וואס מען איז מקורב געווארן צו די רבי'ס עצות איז אינטערעסאנט אפצוצייכענען אן עניווערסיטי, אבער סתם אויף די יום החתונה פאר מ'ווייסט פון רבינ'ס עצות...

דער ראש ישיבה האט ווייטער פארגעלערנט: "רוּבָּא דְּבִרְכָּאָן עַל הַיַּיִן אֲמַאי. אֶלָּא דְּאִיהוּ סִטְרָא דְּחַדֵּי לְכֹלָּא, עַל הַהוּא יַיִן דְּאִתְנְטִיר בְּעֲנָבוֹי תָּדִיר", האט דער ראש ישיבה געזאגט אז דאס מיינט מען די אונגארישע וויין, און דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן צו מיר: "ו'יין י'שמח ל'בב א'נוש, שטייט דאך אין עצתו אמונה"; דאס איז א שטיקל אין א בריוו די וואך אין עצתו אמונה: "דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן רס), ווער עס האט טועם געווען פון אים, ווער עס האט געהערט זיינע עצות - איז דאס אזוי ווי איינער האט טועם געווען פון די אונגארישע וויין, דעם קען מען שוין נישט אפנארן; אז דו וועסט געבן פאר דיין שוועסטער אביסל טועם זיין פון די אונגארישע וויין, "ו'יין י'שמח ל'בב א'נוש" (תהלים קד, טו) - וועט זיי ווערן אזוי פרייליך, זי וועט צוריק גיין צו אירע קינדער און נישט צעווארפן איר שטוב".

[ו'יין י'שמח ל'בב א'נוש איז אויך ראשי תיבות יוא"ל, ווי פריער דערמאנט ביי ו'שמחת ל'פני ה' אלקיך וכו', אז ווער עס איז זוכה צו לערנען און ארייננעמען דעם ראש ישיבה'ס עצות און לימודים, האט א געשמאקע פרייליכע לעבן, וואס אגב איז אינטערעסאנט, אז דער שטיקל וואס דער ראש ישיבה דערמאנט אינעם בריוו רעדט זיך אויך פון שלום בית, אזוי ווי דער מקור אינעם זוהר הקדוש וואס רעדט פון מאכן שלום צווישן דעם מאן, ווייב און שווער].

דערנאך האט דער ראש ישיבה גערעדט פון דעם אז ווען מ'בענטשט איינעם מיט ערליכע קינדער, דארף מען עקסטער געבן א ברכה אז מ'זאל זען די נחת, ווייל דער זוהר הקדוש זאגט דא אז רבי שמעון בר יוחאי האט געגעבן א ברכה פאר רב ספרא ער זאל האבן א זון וואס זאל זיין א לייב אין די תורה, אבער ער האט אים נישט אנגעווינטשט אז ער זאל זוכה זיין צו זען די נחת

עס איז נאך דא אסאך צו שרייבן פון דעם ליכטיגן שבת צופרי, אי"ה עוד חזון.

יישר כח,

יואל שניצלער, קרית ברסלב

# עקסידענטן ביים ווינקל פון טווין ברידזש און אלד מאנטיסעלאו



גאר אסאך עקסידענטן איז שוין פארגעקומען ביים ווינקל פון טווין ברידזש און אלד מאנטיסעלאו' וואס האט פיר זייטן פון וואו מען קומט, אבער נאר צוויי זייטן דארפן זיך פולקאם אפשטעלן ביי יענעם ווינקל, וואס דאס ברענגט דערצו אז די דרייווערס ווערן צומישט, און זיי כאפן נישט אז דער פון די אנדערע זייט גייט נישט יעצט אפשטעלן, אזוי פאסירט ליידער נאכאמאל און נאכאמאל.

מ'האט שוין געהאט גערעדט אין די פארגאנגענהייט פון די שטאטישע באאמטע אז מ'זאל אוועקשטעלן סטאפ סיינס ביי אלע פיר ווינקל אבער ס'גארנישט געווארן דערפון, זיי האבן דאס נישט גענומען ערנסט.

יעצט זומער נאכדעם וואס ס'האט ליידער פאסירט אפאר עקסידענטן ביי אנשי שלומינו (וואס זענען ברוך השם ארויס געזונט מיט ניסי ניסים) האט זיך די הנהלה מעמבער מו"ה מנחם שטיינבערג הי"ו ארייגעלייגט דערין ראשו ורובו, אז ס'זאל שוין ווערן קעיר גענומען.

ר' מנחם האט אנגעהויבן די ארבעט די ערשטע זאך מיט בעטן דעם אייבערשטן אויף דעם, דערנאך איז מען געגאנגען צום קומענדיגן שטאפל פון טון אפאר פיצי פעולות, ווי בעטן פון די פייער באאמטע א צעטל צום ווילידזש אז זיי האלטן אויך אז דאס דארף ווערן פאררעכטן בעוד מעוד, און ברוך השם זיי האבן געשריבן דעם צעטל.

אזוי אויך האט מען באקומען פון די פאליציי א דאקומענט אז דאס דארף זאפארט ווערן פאררעכטן, נאך פאר ס'קומט פאר פרישע עקסידענטן רחמנא לצלן.

אויך האט מען באקומען א דאקומענט פון די הצלה דקעטעקלילס וואס שרייבט א שיינעם בריוו איבער די עקסידענטן וואס ס'האט שוין ליידער פאסירט אויף דעם ארט

עס איז צום האפן אז דאס וועט זיך שנעל רוקן אין די גוטע ריכטונג איז די פראבלעם זאל ווערן געסאלווט און מ'זאל נישט הערן פון פרישע עקסידענטן אויף דעם ארט.



גרשון קרעמער

האסט א שאלה? שיק צו askgershon@gmail.com




## וויאזוי לעבט די עימיש געמיינדע אן עלעקטריציטעט?

**שאלה:** איז עס אמת אז די עימיש מענטשן נוצן בכלל נישט קיין עלעקטעריק? אויב יא, וויאזוי קענען זיי דאס באווייזן? יואליש

**ענטפער:** די אמיש (אדער עימיש ווי מען זאגט עס אין ענגליש) געמיינדע - וואס געפונט זיך אין די פאראייניגטע שטאטן, אינעם שטאט פענסלווועניע - ברענגט ארויף וואונדער ביי פילע מענטש, א גרופע וואס וואוינען אפגעזונדערט פון די וועלט, וואס דארט ווערט נישט גענוצט קיין מאדערנע כלים, און דערוווייטערן זיך אפילו פון קארס און עלעקטעריציטעט.

אין זייער רעגולאציעס שטייט געשריבן אז ס'איז פארבאטן צו ניצן קארס און דאס גלייכן, שפעטער איז שוין געווארן נאך גרופעס ביי זיי, וואס זענען שוין געווארן מער מאדערניזירט און באניצן זיך שוין יא מיט היינטיגע טעכנאלאגיע.

צוויי מאל א יאר גייט מען איבער די געזעצן וויאזוי מען דארף זיך פירן צו ווערן פאררופן אלס אן אמיש'ער. מען שמועסט איבער די איסור פון זיך באניצן מיט עלעקטריק, ווי טעלעפאונס, קארס. און אזוי אויך די קליידונג איז אנדערש ווי ביי אנדערע פעלקער. דאס קען זיין די סיבה פארוואס ביי זיי איז גאר א חשובע זאך צו האבן גרויסע משפחות, און אויפציען קינדער, ווייל זיי זענען נישט פארנומען מיט די טעלעפאן, במילא האבן זיי צייט זיך אפצוגעבן מיט די ווייב און קינדער.

דער אמת איז אז די אמישע מענטשן פארמאגן טאקע נישט קיין עלעקטערישע אפאראטן אין זייערע היימען. אבער כאטש זיי פארמאגן נישט קיין עלעקטעריציטעט אין זייערע הייזער, קען מען נישט זאגן אז זיי לעבן אן עלעקטעריציטעט. ווייל כאטש זיי שניידן נישט זייערע העלצער מיט עלעקטערישע זעגן, קויפן זיי עס פון די געשעפטן אין די דערנעבנדיגע שטעטלעך וואס אפערירן געהעריג לויט די היינטיגע טעכנאלאגיע. אזוי איז אלעס וואס זיי פארמאגן, זיי מאכן נישט אליינס זייערע פענסטער ווי אמאליגע צייטן, גאר אסאך פון זייערע זאכן וואס זיי נוצן טאג טעגליך איז פראדוצירט דירעקט אדער אומדירעקט מיט עלעקטעריציטעט און מיט קאמפיוטעריזירטע כלים.

דער געדאנק אז אפילו עלעקטעריציטעט גייט שוין אן פאר איבער הונדערט יאר, קען מען נאך לעבן אן דעם איז אן איינערדעניש, דערמאנט אונז א שיחה פון הייליגן רבי'ן וואס אסאך האבן א קשיא זיך דערויף, דער הייליגער רבי נתן שרייבט אין חיי מוהר"ן סימן רצ"ט, "פעם אחת דיבר עמי מענין שאי אפשר להיות איש כשר באמת, כי אם כשמתקרבין להצדיק האמת שבדור, ענה ואמר, קודם שנמצא הצדיק האמת בעולם, יכולים להתקרב להשם יתברך מעצמו, אבל אחר שכבר נמצא הצדיק האמת בעולם, אי אפשר להתקרב להשם יתברך באמת בשום אופן, כי אם כשזוכין להתקרב אליו".

וואס ס'קומט ארויס פון דעם שיחה איז, אז איינמאל דער הייליגער רבי'ס נשמה איז אראפ געקומען אויף דער וועלט, מוז מען צוקומען צו אים כדי צו זיין אן אמת'ע ערליכער איד.

מאנכע וואונדערן זיך, זיי זעען אז עס זענען דא ערליכע אידן וואס זענען נישט קיין ברסלב'ע? א שטארקע קשיא, נישט אזוי? אבער דער אמת איז אז וואו אויף דער וועלט עס איז דא התחזקות היינטיגע צייטן, קומט עס דירעקט אדער אומדירעקט פון הייליגן רבי'ן, די פילע משפיעים וואס דערוואריימען אידישע קינדער היינט, האבן א שטארקע קשר מיט'ן הייליגן רבי'ן, פילע לערנען דעם הייליגן רבינ'ס ספרים, אדער זענען תלמידים פון רבי'ס וואס האבן געלערנט דעם הייליגן רבינ'ס ספרים.

איינמאל דער רבי איז אראפ געקומען אויף דער וועלט האט זיין נשמה געברענגט רוחניות'דיגע עלעקטעריציטעט אויף דער וועלט. עס איז א שאד זאלסט גיין קויפן דיין האלץ ביים דערנעבנדיגן לאמבער, ווען די עלעקטעריציטעט איז אווייליבל ביי דיר אין שטוב. מיר דארפן נישט לעבן ווי די אמישע, רוף אן דיין עלעקטעריק פירמע, גיי אריין צו שאפ ברסלב און ציי אריין די לעכטיגקייט פון הייליגן רבי'ן צו דיר אין שטוב, וועט דיר גוט זיין בזה ובבא.

### אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו

# היכל הקודש
# נייעס



אמעריקע

## ספר איש אמונות חלק א' שוין אט גרייט צום דרוק

מיט גרויס פרייד און התרגשות, טוט מכון עצתו אמונה מעלדן די גוטע בשורה פאר אלע אנשי שלומינו בכלל און בפרט פאר די אלע וואס האבן געהאט די זכי' און האבן זיך שוין איינגעהאנדעלט א זכות אינעם ספר, אז נאכן ארבעטן א לאנגע צייט וואס מען ארבעט אז די הערליכע בריוו געשריבן מיט מסירות נפש און פלייס דורך דעם ראש ישיבה שליט"א זאל ווערן גרייט צום דרוק, אז דער ערשטער באנד אינעם ספר איש אמונות (חלק א' - שנת תש"פ), גייט שוין אט אט אריין צום דרוק.

עס איז גענצליך איבעריג צו ערקלערן וואס די בריוו האבן שוין אויפגעטון ביז יעצט ווען זיי זענען נאר ארויסגעקומען אויף א פראוויזארישע וועג, ווייל עס איז גאר שטארק באוואוסט פאר יעדעם וואס האט עס נאר גענומען אין די האנט ווי די הייליגע בריוו האבן שוין באלויכטן אן א צאל אידישע קינדער, און גערעטעוועט פילע אידישע שטובער פון אונטערגאנג ברוחניות ובגשמיות.

פילע האבן געקויפט גרעסערע זכותים. ווי צום ביישפיל, דער זכות מהדורה איז אפגעקויפט געווארן דורך דעם אלעמען באליבטן מו"ה יענקי פיש הי"ו, און וועט טראגן מיט שטאלץ דעם נאמען "מהדורת פיש". דערנאך זענען דא פילע זכותים פאר פילע וואכן, זכות ראש השנה איז אפגעקויפט געווארן דורך מו"ה משה גאטליעב הי"ו, זכות יום כיפור איז אפגעקויפט געווארן דורך הרוצה בעילום שמו שליט"א, אין צוגאב וואס ער העלפט ארויס דעם מכון צו יעדע צייט, און האט אייגענטילך מגי' געווען דעם ספר. זכות יום טוב סוכות איז געקויפט געווארן דורך מו"ה אברהמי אייזנער ה"ו, וואס איז אלעמאל גרייט ווען עס קומט צו הדפסה והפצה. זכות פרשת בראשית איז אפגעקויפט געווארן דורך מו"ה נתנאל פאראקאש הי"ו. זכות פרשת נח איז אפגעקויפט געווארן דורך מו"ה מנחם זאב שטרול הי"ו. זכות פרשת לך לך איז אפגעקויפט געווארן דורך מו"ה משה ראזענבערג הי"ו. זכות פרשת וירא איז אפגעקויפט געווארן דורך מו"ה שמעון ראטה הי"ו. זכות פרשת חיי שרה איז אפגעקויפט געווארן דורך מו"ה יענקי איידליס הי"ו. זכות פרשת תולדות איז אפגעקויפט געווארן דורך מו"ה מאטי ראזענפעלד הי"ו. זכות פרשת ויצא איז אפגעקויפט געווארן דורך מו"ה ארי פיש הי"ו. זכות פרשת וישלח איז אפגעקויפט געווארן דורך הרב אלימלך שארף שליט"א.

צו קויפן א זכות רופט אדער טעקסט הר"ר ישעי' איידליס הי"ו, אויף 347-831-1391. אדער קענט איר זיך פארבינדן דורך אימעיל Maebreslev@gmail.com. אזוי אויך קען מנדב זיין דורך די "מטבע" פלאטפארמע, אקאונט 00124222790, אזוי אויך דורך די OJC פלאטפארמע, אקאונט 10505.

**צדקתך צדק לעולם, ותורתך אמת**



# לֶערְנֶען אַלֵיין, אָדֶער מִיט אַ חַבְרוּתָא?



## שאלה

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

**אִיךְ לֶערְן בָּרוּךְ ה' אִין כּוֹלֵל, אוּן אִיךְ לֶערְן בָּרוּךְ ה' יֶעדְן טָאג מַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן. פַארְגַאנְגֶענֶעם זְמַן הָאבּ אִיךְ פְּרוּבִּירְט צוּ לֶערְנֶען שֻׁלְחָן עָרוּךְ מִיט אַ חַבְרוּתָא, לְמַעֲשֶׂה הָאט עֶס אָבֶּער אוֹיסְגֶעזֶען מַמָּשׁ ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א לֵייגְט עֶס אַרָאפּ בַּיי דִי שִׁיעוּרִים, וֶוען אִיךְ הָאבּ שׁוֹין יָא גֶעוָואלְט לֶערְנֶען, הָאט מַיין חַבְרוּתָא נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעדוּלְד, וְחוֹזֵר חַלִילָה.**

**אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעטְרַאכְט אַסַאךְ מָאל אָנְצוּהוֹיבְּן אַלֵיין לֶערְנֶען שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אִיךְ ווֵייס אָבֶּער נִישְׁט צִי אוֹיף דֶעם גֵייט אַרוֹיף דֶער פָּסוּק "חֶרֶב אֶל הַבַּדִּים וְנוֹאָלוּ", אַז מְ'זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען אַלֵיין. אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט לֶערְן אִיךְ דָאךְ מַיינֶע שִׁיעוּרִים אוֹיפְ'ן דֶרֶךְ הַלִימוּד אוֹיךְ אַלֵיין.**

**אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר זָאגְן וֶוען מְ'מֶעג יָא לֶערְנֶען אַלֵיין, אוּן וֶוען מְ'דַארְף לֶערְנֶען מִיט אַ חַבְרוּתָא?**

**יְיַשֵׁר כֹּחַ**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בַּמִדְבָּר, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

דָאס וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית ז.) אוֹיפְן פָּסוּק (יִרְמְיָהוּ נ, לו): "חֶרֶב" עֶס זָאל קוּמֶען אַ שְׁוֶוערְד, "אֶל הַבַּדִּים" - אוֹיף דִי וָואס לֶערְנֶען אַלֵיינְס אָן קַיין חַבְרוּתָא; "וְנֹאָלוּ" מֶען וֶוערְט פַארְנַארְט אוּן מֶען קוּמְט צוּ זִינְד וֶוען מֶען לֶערְנְט אַלֵיינְס; זָאגְט מֶען נָאךְ פוּנֶעם הֵיילִיגְן חַזוֹן אִישׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (רְאֵה שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת תְּשׁוּבוֹת וְהַנְהָגוֹת חֵלֶק א, סִימָן תקמב; וְעוֹד) אַז דָאס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אִין דִי צַייטְן פוּן חַזַ"ל וֶוען עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין סְפָרִים אוּן מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט בַּעַל פֶּה, דֶעמָאלְט אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט אַלֵיינְס קֶען מֶען צוּקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען מִיט טָעוּתִים דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען לֶערְנֶען מִיט אַ חַבֶר נִישְׁט צוּ קוּמֶען צוּ לֶערְנֶען מִיט גְרַייזְן, אָבֶּער הַיינְט וֶוען מֶען לֶערְנְט אִין סְפָרִים דַארְף מֶען נִישְׁט לֶערְנֶען דַוְקָא מִיט אַ חַבֶר; בִּפְרַט אַז מֶען זִיצְט אוּן מֶען פְּלוֹישְׁט מִיט אַ חַבֶר דֶעמָאלְט אִיז זִיכֶער בֶּעסֶער צוּ לֶערְנֶען אַלֵיינְס. ווַייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חֲגִיגָה יב:): "כָּל הַפּוֹסֵק מִדִּבְרֵי תּוֹרָה וְעוֹסֵק בְּדִבְרֵי שִׂיחָה, מַאֲכִילִין אוֹתוֹ גַחֲלֵי רְתָמִים", וֶוער עֶס אִיז מַפְסִיק אִינְמִיטְן לֶערְנֶען בַּאקוּמְט אַן עוֹנֶשׁ אַז מֶען גֶעבְּט אִים צוּ עֶסְן גַחֲלֵי רְתָמִים.

דֶערִיבֶּער אַז דִיר אִיז גְרִינְגֶער צוּ לֶערְנֶען אַלֵיינְס זָאלְסְטוּ נִישְׁט קוּקְן אוֹיף גָארְנִישְׁט, נָאר זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין שִׁיעוּרִים בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָּה עַל פִּי סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. נֶעם אַ חוּמָשׁ אוּן לֶערְן יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י, נָאכְדֶעם מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין נַ"ךְ, מִשְׁנָיוֹת, בַּבְלִי, יְרוּשַׁלְמִי, אוּן אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ. רוֹב גְדוֹלִים זֶענֶען אוֹיסְגֶעוַואקְסְן גְדוֹלִים וְצַדִיקִים דוּרְךְ לֶערְנֶען אַלֵיינְס, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט צוּטוּן מִיט קֵיינֶעם.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

גרשון קרעמער



# היסטאריש: פרעזידענט ביידען ציעט זיך ארויס פונעם פרעזידענטליכן פארמעסט

מיר לעבן דורך היינט זייער מאדנע און היסטארישע צייטן, עס גייט נישט דורך קיין טאג אדער צוויי וואס די וועלט קערט זיך נישט איבער מיט א פרעצעדענטלאזע נייעס. דעם פארגאנגענעם זונטאג מיטאג איז ארויפגעקומען א פרישע אויפרייס. דער אמטירענדער פרעזינדעט דזשאסעף ביידען האט זיך אפגעזאגט פון זיין פארטיי'ס נאמינאציע.

אזא זאך וואלט נישט געווען אומדערהערט, אבער אז מען האלט נאכדעם וואס א קאנדידאט וואס האט געווינען גאר גאר שטארק צו ווערן נאמינירט, זאל זיך ארויסציען דערפון אין די לעצטע מינוט איז נאך נישט געווען אין אמעריקע'ס היסטאריע. עס איז יעצט זייער אומקלאר וויאזוי עס וועט צוגיין פאר די דעמאקראטן אויסצואוועלן א פרישע קאנדידאט ווען מען האלט שוין נאך אלע פריימערים, און עס וועט זיין א גענצליך אנדערע וועג אויסצוקלויבן דעם קאנדידאט.

מיט דעם שריט האט ביידען באפרייט אלע זיינע דעלעגאטן וואס וואלטן אים געדארפט ערוועלן ביים דעמאקראטישן קאנווענשן אין בלויז דריי וואכן פון יעצט זיי זאלן קענען שטימען פאר סיי וועם זיי ווילן.

די דעמאקראטן זענען זייער צושפליטערט איבער ווער עס זאל איבערנעמען ביידען'ס פלאץ און זיי האבן נישט קיין קלארע פירער פון זייער פארטיי צו די יעצטיגער צייט. דער וויצע פרעזידענט העריס איז לכאורה די קאנדידאט, אבער איז בכלל נישט פאפולער, און עס איז נישטא קיינער אנדערש וואס זאל זיין קיין פראנט ראנער. מען וועט עס דארפן געבן אביסל צייט צו זען וויאזוי זאכן וועלן זיך אויסשפילן און אנטוויקלען.

ווער עס טראכט אביסל צוריק וויאזוי עס האט אויסגעזען מיט בערך א יאר צוריק וואלט זיך נישט געקענט חלומ'ען אז מען וועט דא האלטן אין די יעצטיגע צייט. די דעמאקראטן זענען געווען גאר שטארק פאראייניגט מיט זייער פרעזידענט אין אמט, און אלע האבן אים ארומגענומען און באשיצט פון אלע פיילן, בשעת די רעפאבליקאנער זענען געווען צוריסן און צושפליטערט און עס איז געווען א גאר העפטיגע קאמף איבער ווער עס זאל ווערן אויסגעוועלט אין די פריימערים.

עס האט אויסגעזען ווי ביידען פארט אויף א פארזיכערטע באן שטארק און פעסט צו זיין צווייטע טערמין, און די רעפאבליקאנער זענען די וואס זענען זיכערע פארלירער. אבער דער אייבערשטער איז דער וואס פירט די וועלט, ער איז "משפיל גאים עדי ארץ", ווען ער וויל נעמט ער די וואס זענען ביים שפיץ און ווארפט זיי אראפ צו דער ערד, און איז "מגביה שפלים עדי מרום" ער הייבט אויף די וואס זענען אין דער ערד ארויף צום הימל.

דערפאר דארפן מיר נישט קוקן ווי שטארק מיר זענען געפאלן און פארלוירן, לאמיר פארגעסן אלע אונזערע מחלוקת'ער און זיך ווענדן צום אייבערשטן וואס וועט אונז אויפהייבן צו די העכסטע מדריגות אויב מיר וועלן נאר נישט אויפגעבן. אפילו מען האט אויף דיר געשאסן מיט א ביקס, עס האט דיר געכאפט, ביסט צובליטיגט און אראפ געפאלן, הייב דיך אויף און "פייט פייט פייט", מיר פייטן דורך ווארפן א ווארט פון תורה צום אייבערשטן, א ווארט פון תפלה און התבודדות, איין קוק ווייניגער, דאס וועט אונז אויפהייבן צו אונזער ענדגילטיגער זיג.

די וואך פרשת פנחס איז א לאנגע סדרה, בערך 180 פסוקים, לאמיר ענדיגן די סדרה, אנשטאט הערן די נייעס און קאכן אין פאליטיק, וועלן מיר עפעס אויפטון אין די צייט, און מיר וועלן אנקומען צום אמת'ן תכלית אויף וואס מיר זענען אראפ געקומען אויף דער וועלט.

**דער אייבערשטער פירט די וועלט**



# וואכזאמקייט איבער די סכנה פון קינדער אין קארס אין די הייסע וועטערס

די יעצטיגע זומער וועטערס ברענגט מיט זיך פילע געשמאקע זאכן, די קינדער שפילן זיך און פארברענגען שעות אין גאס, זיי גייען שווימען, משפחות קענען געשמאק פארברענגען אין די קאנטרי אינאיינעם, און אפילו די ערוואקסענע נוצן אויס די זומער טעג אין די קעטסקילס מיט'ן שפאצירן צווישן די גראז און ביימער און זיך אויסרעדן צום אייבערשטן, אים דאנקען און בעטן אויף אלעס וואס ליגט אויפן הארץ.

פון די אנדערע זייט הויערט אבער אויך געפַארן פון די זומער טעג, מען דארף מתפלל זיין יעדן טאג ווען מען גייט ארויס פון שטוב, זיך אפשטעלן ביי די מזוזה און בעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל גיין בשלום און אהיים קומען בשלום, מען זאל נישט דרייוון ווילד צווישן די געדרייטע וועגן אויף די בערג, די סווימינג פולס זאל בלייבן גענצליך פארמאכט, א קינד זאל חלילה נישט ארייננבלאנדשען דארט. אזוי אויך ברוחניות בעטן אלע דעם אייבערשטן מען זאל נישט נכשל ווערן מיט ראיות אסורות, די אויגן און דער מח זאל בלייבן ריין תמימות'דיג און הייליג.

בפרט דארף מען לייגן אויפמערקזאמקייט אויף די קארס, ווען מען לייגט אריין א קינד אין קאר זאל מען בעטן דעם אייבערשטן מען זאל נישט חלילה פארגעסן איינע פון אונזערע טייערסטע פארמעגנס וואס מיר פארמאגן, געלט קומט און גייט, א טעלעפאון קען מען קויפן א נייע. אבער אויב חלילה מען פארלירט א קינד פון נאכלעסיגקייט, אויף אזא זאך איז א מענטש נישט מסוגל זיך מוחל צו זיין.

וואס מענטשן ווייסן אפשר נישט איז, אז דער טעמפעראטור אין אן אויסגעלאשענע קאר ווען די זון שיינט איז געווענליך בערך פופציג דיגרי הייסער ווי אין גאס, דאס מיינט אז אין די יעצטיגע הייסע טעג ווען עס איז בערך 90 דיגרי אין גאס, וועט אין די קאר זיין ארום 140 דיגרי, אזאך וואס קען חלילה אומברענגען א מענטש אין א גאר קורצע צייט חלילה, און ווער רעדט נאך פון א קינד.

עס זענען דא עטליכע עצות וואס די עקספערטן זאגן קען העלפן דערויף.

1. בעטן דעם אייבערשטן פאר מען פארט ארויס אויפן וועג.

2. געבן צדקה פארן זיך ארויסלאזן אויפן וועג

3. מאכט א געוואוינהייט צו כאפן א בליק אויף אונטער דיר יעדעס מאל איידער מען גייט ארויס פון קאר.

4. לייגט א זאך וואס איר נוצט כסדר, צום ביישפיל אייערע ספרים, די טאשקע, בערזל, טעלעפאן וכדומה נעבן דעם קינד.

5. ווען מ'לייגט אריין דעם קינד אין קאר, זעט אויך צו דרייען דעם שפיגל אויף א וועג אז איר זאלט זען דעם קינד, אזוי וועט דאס העלפן צו ארויסנעמען דעם קינד, אדער לייגט א קליין שפיגל העכער די זיץ פונעם קינד, וואס דאס טוט העלפן זען דעם קינד א גאנצן צייט.

עס איז קריטיש וויכטיג אז ווען מען גייט ארויס פון קאר אפילו נאר פאר "איין מינוט", זאל מען אייביג מיטנעמען די קינדער מיט זיך. רוב מאל וואס מענטשן האבן פארגעסן קינדער זענען פשוט געווארן דיסטרעקטעד פון עפעס דארט ווי זיי זענען געגאנגען און אנשטאט איין מינוט האט זיך עס נישט גוט געענדיגט.

דער עיקר איז מתפלל זיין אז דער זומער זאל אויסגענוצט ווערן דורך אידישע קינדער צו שטייגן אין תורה יראת שמים און מידות טובות, און מען זאל נישט הערן פון קיין שום אומגליקן.

**ונשמרתם מאוד לנפשותיכם**

## געדאנקען

משה ארי' שניצלער

# א דורכפאל פון א גריל



פרייטאג צו נאכטס פרשת חקת איז געווען א הערליכע באטע ביים ראש ישיבה, ס'איז געווען הערליכע געשמאקע שמועסן.

צווישן אנדערן האט מען געשמועסט וואס מ'האט אינזין ווען מ'טובל'ט זיך אין מקוה, מ'האט אינזין די שם אקי', (א-ק-י-ק), דאס מיינט אויף אידיש "איך גיי זיין גוט", אזוי ווי ס'שטייט אין זוהר הקדוש, אז די שם אקי' מיינט, דא אנא זמין למהוי, איך גיי זיין גוט.

האט דער ראש ישיבה געזאגט, אז די אידישע כוונה "איך גיי זיין גוט" איז וויכטיגער ווי די שם אקי' אליין. ווייל די שם אליין וויל נאר דאס, אז דער מענטש זאל טראכטן אז ער גייט זיין גוט. ווייל אויב ער טראכט נאר די שם אקי' און ער טראכט נישט "איך וויל זיין גוט" פעלט אים פון די עיקר.

מ'האט גערעדט פון פאנדרעיזערס און נאך זאכן.

כ'האב געזאגט פאר'ן ראש ישיבה אז איינער פון מיין משפחה האט מיך אנגערופן אז ער איז געפארן אויפ'ן וואשינגטאן בריק און ס'איז אים אראפגעפאלן באקסעס וואס איז געווען צוגעבינדן אויפ'ן דאך, האט ער געדארפט זיך צוריקדרייען פון ניו דזשערזי צוריק צו ניו יארק און נאכאמאל צוריק צו ניו דזשערזי צוריקצונעמען זיינע פעקלעך. אינמיטן די בריק האט ער געוויזן פאר א אידישע קאר זאל זיך אפשטעלן און אים העלפן, האט זיך אפגעשטעלט ידידינו היקר ר' ליפא קאהן נרו יאיר, און איבערגענומען די סצענע אזוי ווי ער וואלט געווען א געשולטער עסקן מיט פילע יארן עקספיריענס.

מיט'ן גאנצן רואיגקייט האט ר' ליפא נ"י אפגעשטעלט אלע דריי לעינס אויפ'ן בריק! צו העלפן א איד ראטעווען זיינע פעקלעך, אזוי ווי ס'האט דאך נישט געהאט קיין פלאץ אין דעם איד'ס קאר, האט ר' ליפא עס גענומען מיט זיין קאר ביז קרית יואל! און עס געלייגט דארט ווי דער איד האט עס שפעטער אפגענומען.

זאגט מיר דער איד, עס איז א שטאלץ אז ענק האבן אזא תלמיד ווי ר' ליפא נ"י, זיין דערוואקסנקייט שטייגט איבער אסאך אידן וואס זענען צוויפאכיג זיין עלטער.

דערנאך האב איך דערציילט אז איינער האט אויפגעהויבן די פאון אויף מיר די ערשטע מאל אין דריי יאר. כ'רוף אים יעדן חודש לטובת די כולל, אבער ער הייבט קיינמאל נישט אויף, נאך

דריי יאר האט ער זיך געבראכן, און מיר האבן געהאט א שיינע שמועס. איך האב צוגעלייגט אז עס איז פארהאן תלמידים פון ישיבה וואס הייבן נישט אויף ווען איך רוף פאר די כולל, אבער איך טו מיין פליכט, עס איז מיין אויפגאבע צו בעטן פון די תלמידי הישיבה זאלן נעמען א חלק אין אויסהאלטן דעם כולל וואס שטעלט צו קריטיש וויכטיגע דיינים פאר אונזער קהילה אין די קומענדיגע צוויי יאר בעז"ה. איך טו מיר דאס מייניגע, איך רוף אן צו פרעגן צו ער וויל היינט געבן א נדבה, און יענער זאל טון ווי עס שיינט אים.

אין א יאר צוויי ארום, ווען ס'וועט אנהייבן ארויסקומען פון כולל עטליכע דיינים יעדן יאר, וועלן זיין אזוינע וואס וועלן זאגן, איך האב יעדע וואך געגעבן געלט פאר די "דיינים פאבריק" נאך פאר מ'האט עס געזען מיט די פליישיגע אויגן, ווען ס'איז געווען בלויז א וויזיע פונעם ראש ישיבה, און ס'וועלן זיין אזוינע וואס האבן געטראכט אז ווי איידער צו געבן צדקה, איז ענדערש איינצושטעקן דאס געלט ביי משה זוכמער און דערנאך האט מען נישט די געלט און נישט די צדקה.

דער ראש ישיבה האט דערציילט אז איינער האט אים געזאגט אין נאמען פון יצחק רוטנער נרו יאיר, אז משה ארי' איז זייער א געשמאקער פאנדרעיזער. אז מ'געט אים צען דאלער איז ער פריילך, אז מ'געבט אים הונדערט דאלער איז ער פריילך, מ'פילט זיך אומגעפרעשערט. (זעט אויס אז ס'ארבעט... די זיבן טויזנט דאלער פעיראלל גייט ברוך השם אן יעדע וואך!!!!)

דער ראש ישיבה האט זיך נישט דערמאנט ווער ס'האט עס אים געזאגט, אבער איך האב עס געהערט פאר שבת פון יוסף פרערויא נרו יאיר, ער האט מיר דערציילט אז ער האט געהאט דעם שמועס מיטן ראש ישיבה.

מ'האט אריינגעברענגט עפל פיי (apple pie - די מאכל האט אסאך נעמען, ביי אונז אינדערהיים רופט מען עס עפל פיי) דער ראש ישיבה האט געטיילט פאר אלע אנוועזנדע, און צוריקגעשיקט דעם ליידיגן טאץ.

מיין זון הרב יוסף נ"י, דער מגיד שיעור פון ישיבה קטנה היכל הקודש, אויף די לינקאלן גאס, איז אריינגעקומען אביסל שפעטער, ער האט געוואקט א האלבע שעה פון זיין שווער'ס הויז, (זיין אייגענע הויז איז איבער א שעה צו גיין פון די האשקי שול), ווען ער איז אריינגעקומען האט דער ראש ישיבה געהייסן א בחור זאל זיך אויפשטעלן פאר אים, דער ראש ישיבה האט געבעטן מ'זאל צוריק ברענגען די עפל פיי טאץ, און געגעבן די לעצטע שטיקל פאר ר' יוסף נ"י.

**ער איז געפארן אויפ'ן וואשינגטאן בריק און ס'איז אים אראפגעפאלן באקסעס וואס איז געווען צוגעבינדן אויפ'ן דאך.**

יעצט אז איר ווילט מיר זאלן רעדן אביסל מענינא דיומא, וועלן מיר רעדן פון די זומער פארברענגן פון חיימ'קע און משה'ניו.

חיים און משה זענען צוויי סוקסעספולע ביזנעס לייט, זיי זענען געקניפט און געבינדן זינט קינדערגארטן. זיי זענען גלייך איינער צום צווייטן ווי צוויי טראפן וואסער, ממש אלעס די זעלבע, ביידע גוטע קעפ, ביידע האבן ליב צו לערנען, ביידע איידימער ביי ענוות חן'דיגע באלבאטישע, "פענסי עובד'ישע" תורה וגדולה'ניקעס, ביידע מיט די שיינעדיגע איידעלע שפיציגע בענדל שיך, נישט צו פרום, נישט צו קרום, ביידע מיט די קריספי געביגלטע הויזן, נישט צו טייט, נישט צו ברייט, וכולי וכולי.

נאכ'ן חתונה, האבן ביידע געלערנט פליסיג צוויי דריי יאר, דערנאך צוזאמען זיך דערלערנט די טריקס פון א סוקסעספולע עמעזאן ביזנעס, מיליאנען סעילס פון יאר צו יאר, דאס באשיידענע לעבן (רעלעטיווּלי...) קאסט זיי נישט מער ווי א האלבן מיליאן, ס'איבעריגע געלט גייט צו א שותפות פאנד מיט זייער חבר, דודי דער דיוועלאופער, וואס ציט ארויף נייע צוואנציג שטאק אין די בראנקס מידי שנה בשנה, ווען די צענדליגער מיליאנען קומען אריין יערליך פון די רענט, קויפט מען נאך בילדינגס, נישט צו דארפן צאלן פערציג פראצענט שטייער פאר אנקל סעם, דערנאך מאכט מען נאך ריוח, און מ'קויפט נאך, כדי נישט צו צאלן שטייער, און אזוי לויפט מען אין א צירקל פאר זיבעציג יאר. ווי מער געלט ס'קומט אריין, אלץ מער ווערט מען א קנעכט פאר די נישט-צאלן-שטייערן גלויבן.

איין קליינע חילוק איז געווען צווישן חיים און משה, ס'איז ממש א קלייניגקייט, אבער זיי האבן נישט געקענט באוויזן זיך צו פאראייניגן אין דעם נושא, ווען זיי פלעגן מאכן א גריל ביי זייערע שכינות'דיגע סאמער האוזעס אין "אייערקיכל עקסקלוסיוו קאטעדזשעס", איז אלץ געווען חיים דער מעגע מעגע שעף מיטן ווייסן שירצל און די צוויי-שטעכער'דיגע זיידע-גאפל, וואס ווילאנג ער געבט זיך איין דריי, עסט מען שוין פון די געבראטענע טשיקן ברעסט, בשעת'ן צוקוקן ווי די ריפן אויגעלע פלייש (ריב איי סטעיק בלע"ז) גייט פון רעיר (rare) צו מידיום רעיר.

משה'ניו האט פרובירט הונדערט מאל צו באוויזן זיינע געבראטאכטס פעאיגקייטן, ס'האט זיך יעדעס מאל געענדיגט מיט א דיזעסטער און א האלבע.

געשוויצט ווי א טערק, געשריגן ווי א בייזע חי', געפאכעט מיט א ריזיגן אייער באקס, אבער זיינע קוילן ווילן זיך נישט אנצינדן, די ספייסי ווינגס זענען שוין כמעט האלב פארדארבן פון די מיטלגארטיגע טעמפערטשער, די סליידערס פון פריזער זענען נאך הארט ווי א

שטיין, די ס'מארס האבן אריינגעטראסקעט אויף די קוילן מחמת די אייער באקס פאכראציע, א דיזעסטער איז ווייניג געזאגט.

שוין אנגעצינדן א גאנצן שאכטל שוועבעלער, שוין אריינגעלייגט אין פייער טאועל פעיפער, צייטונג פעיפער, טישו'ס, נעפקינ'ס, סערוועטלער, טאשטיכלער, איילבירט אויל, אייער שפייז אויל, סארדין אויל, מאגאזינען מיט די בילדער פון די ביקור גומלין ווי האדמו"ר מ'קאקאשקעיק עסט טרויבן אין שטוב פון האדמו"ר מ'הודידי-האניג-קוכעלער (אין קורצן האט מען אים גערופן "דער זיסער רעבעלע מיט די זויערע חסידים"). אבער די פייער הינקעט נאך אלץ אונטער.

זיין וואוילע אשת חיל האט דאך גוט געדענקט די לעצטע וואכעדיגע גריל, אויך די פריערדיגע, און אויך איינס פארדעם, דער קייזער פון "ספוילד בארביקיו'ס" איז נישט קיין צווייטער ווי איר צדיק'ל משה'לע. דערפאר שטייט זי באשיידן אין די זייט מיט א זעקל רייס קעיק און פינאט באדער אז מ'זאל נישט גיין שלאפן הונגעריג.

חיים'קע האלט אינמיטן לאודן זיין דריטע בורגער סענדוויטש מיט פיקל, טאמעיטע, לעטעס, זויער קרויט, קאול סלוי, זענעפט, און ציפעדיגע מעיאו. זיינע קוילן ברענען און פלאקערן ווי וואוילע אינגעלער מיט רויטע שעמעדיגע חן'עוודיגע בעקעלעך. די פונקטליכע היץ וואס קומט ארויס פון חיים'ס וואוילע אינגל קוילעכלעך האט געברענגט די איין א האלב אינטשיגן סטעיק צו אזא פערפעקטן טעיסט, אז מען וואלט אים גערן אויפגענומען אלץ פראפעסאר אין the college of higher culinary studies.

איינער האט געפרעגט א ברסלב'ער, פארוואס מוזטו גיין אויף ברסלב צו לעבן מיט'ן אייבערשטן? יעדער לעבט מיט'ן אייבערשטן! יעדער איד האט אמונה! יעדער איד האט אין זיך א הייליגן פונק! בלייב אין דיין קאקאשקעיק קהילה וואו דו ביסט אויפגעוואקסן! גאנץ קאקאשקעיק לעבט מיט'ן אייבערשטן!

גוטע קושיא!

אמונה איז נישט א יוקאן דינאלי, א דינאלי איז אזוי: אדער האט ער "יא", אדער האט ער "נישט".

מ'קען נישט האבן "אביסל" דינאלי, און מ'קען נישט האבן "אסאך" דינאלי.

אמונה איז פארקערט. אמונה איז נישט "יא" און "ניין". אמונה איז "וויפיל".

האסט אביסל אמונה? האסט אסאך אמונה? היינט האסטו שוין געהאט אמונה? היינט האסטו שוין געטראכט אז דער אייבערשטער איז דא? דיין אמונה איז א ריזיגע פייער ביז'ן הימל? דיין אמונה איז א קליינטשיגע ברעקל? דיין אמונה איז פארטונקלט און פארנעפלט און פארוואלקנט?

וויפל אמונה האסטו?

איינער האט אמונה וואס פלאקערט און ברענט און ער קען דערהייבן סיי וואס דאס לעבן ברענגט אים.

איינער האט א קליינטשיגן פיצינקעלע ברעקעלע אמונה, און ווען דיזעסטער סטרייקס, האט ער נישט קיין כוחות, זיינע קושיות אויף הנהגת העולם עסט אים אויף. זיין טעות אז ער דארף פארשטיין די חשבונות פון הימל זויגט ארויס פון אים די גאנצע לעבן-לוסט. ער לעבט א ענערגיע-לאזע לעבן. נישטא קיין כח אנצוגיין. אלעס איז געצווינגען, בדוחק, די פרנסה איז בלית ברירה, די ווייב וואס ער האט איז בלית ברירה, זיינע חברים איז בלית ברירה. זיינע קינדער איז בלית ברירה, זיין טאטע מאמע שווער שוויגער איז בלית ברירה, באמת וואלט ער געוואלט אזוי און אזוי און אהער און אהין, but unfortunately there is no choice in the matter.



אז א מענטש גייט צו א צדיק וואס חזר'ט יעדן טאג אז דער אייבערשטער איז דא, און ווער עס גייט צו אים האט א זיסע לעבן, און ווער עס רעדט צו אים באקומט אלעס, דער מענטש זיצט אין גן עדן בזה העולם, קיין שום שוועריגקייט בארירט נישט זיין מח. ער לעבט אזוי ווי אין א רואיגע שלאף. אז א מענטש גייט צו א ערליכער איד וואס זיין אמונה איז א פייערדיגע פלאקערדיגע אמונה נעמט מען גרינגער אלע פאסירונגען אין לעבן.

אז מען רעדט פון דעם אייבערשטן באקומט מען א שטארקע אמונה, אז מ'דערמאנט אלעמאל, ברוך השם דער אייבערשטער האט מיר געהאלפן, זעט מען אותות ומופתים אין טאג טעגליכן לעבן. אזוי ווי א ברסלב'ער האט געזאגט פאר איינעם, איך רעד פון דעם אייבערשטן אזוי סאך ווי דו רעדסט פון געלט, און איך רעד פון געלט אזוי סאך ווי דו רעדסט פון דעם אייבערשטן. (פארדינען יא, אבער רעדן א גאנצן טאג דערפון? דאס פאסט פאר מענטשן וואס האבן זיך מייאש געווען פון האבן הצלחה אין לעבן).

דער וואס רעדט נישט צום אייבערשטן א גאנצן טאג האט אויך אמונה.

אבער וויפיל אמונה?

גענוג צו האבן כח אין צייט פון א פראבלעם? ווער ווייסט?!!!!

לאמיר גיין צו א צדיק וואס חזר'ט אמונה יעדן טאג, לאמיר זיין פון די אמונה'דיגע יאנטשי אינטערעסאנטע מענטשן וואס זענען ביזי א גאנצן טאג מיט אייבערשטער אייבערשטער אייבערשטער אייבערשטער

לאמיר נישט אויסזען ווי משה'ניו וואס פאכעט מיט'ן אייער באקס אהער און אהין. לאמיר זיך נישט באגענוגענען מיט א יוצא-געווען'דיגע ברעקל אמונה.

יעדער האט א פינק פון אמונה, לאמיר אויפפלאקערן אונזער פינק דורך רעדן "איין ווארט" צום אייבערשטן. לאמיר אויפפלאקערן אונזער פינק דורך גיין צו א ערליכער איד וואס רעדט א גאנצן טאג פון רעדן צום אייבערשטן.

# היכל הלכה



איבערגעגעבן
דורך הגאון
**הר"ר יונה**
**זינגער שליט"א**
דומ"ץ קרית
ברסלב

## הלכות בין המצרים

**הקדמה קצרה:** חכמינו הקדושים זאגן (ירושלמי, יומא, פרק א, הלכה א) **"כל מי שלא נבנה בית המקדש בימיו, כאילו נחרב בימיו"** - אויב דער בית המקדש איז נישט אויף געבויעט אין זיין צייט, איז עס גערעכנט כאילו עס איז חרוב געווארן אין זיין צייט.

די פירוש פון דעם איז, היות דער בית המקדש איז חרוב געווארן וועגן שנאת חינם, איז ווילאנג עס ווערט נישט צוריק אויפגעבויעט, איז א סימן אז מיר האבן נאך נישט פארראכטן די עבירה, מילא איז עס נישט אזוי ווי אלע זאכן וואס איז געשען פאר איבער צוויי טויזענט יאר צוריק, נאר אזוי ווי א פרישע  ווייטאג

אין שבעה עשר בתמוז האט פאסירט פינף שרעקליכע צרות פאר אידישע קינדער (מסכת תענית כו.) (הובא במ"ב סי' תקמ"ט סק"ב) **א.** ווען משה רבינו ע"ה איז אראפ געקומען פון די בארג, און ער האט געזען ווי די אידן האבן געמאכט די עגל, האט ער דאן צובראכן די לוחות. **ב.** ביים ערשטן בית המקדש נאך פארן חורבן, איז מבוטל געווארן די קרבן תמיד. **ג.** ביים צווייטן בית המקדש איז די מויער פון ירושלים אויפגעבראכן געווארן. **ד.** אפוסטמוס הרשע האט פארברענט די תורה רח"ל. **ה.** מען האט אריינגעשטעלט א צלם אין היכל. וועגן דעם פאסט מען שבעה עשר בתמוז, און צוליב דעם הייבט זיך אוין אן א חלק פון די הלכות פון בין המצרים פון שבעה עשר בתמוז - און מען רופט דאס די דריי וואכן, אבער רוב הלכות הייבט זיך אן פון ר"ח אב, די ניין טעג ביז נאך תשעה באב, און אסאך הלכות ווערט הארבער פון ר"ח

מ'דארף געדענקען וואס שטייט אין די הייליגע ספרים אז די אלע הלכות וואס איז געמאכט געווארן צו שפירן די אבילות פונעם חורבן, און ממעט זיין פון די שמחה פון א גאנץ יאר, איז דוקא לדבר הרשות, אבער ווען עס קומט צו עבודת השם, דינען דעם אייבערשטער, (לערנען - דאווענען), תורה, תפילה, מצוות, איז אדרבה, דארף מען עס טון מיט מער שמחה,[א] אזוי ווי עס שטייט אין ספר הקדוש עבודת ישראל פונעם הייליגן קאזניצער מגיד זי"ע בשם זיין הייליגן רבי, דער הייליגער ר"ר אלימלך זי"ע: **כל רודפיה השיגוה בין המצרים** (איכה א, ג) אז דער וואס וויל זיך דערנענטערן צום אייבערשטן, קען עס יעצט דערגרייכן - אין די טעג פון בין המצרים. ובפרט אין די שבתים דארף מען זיין פרייליך, די שבתים זענען די גרעסטע שבתים פון א גאנץ יאר.[ב]

א) מען מאכט נישט חתונה פון שבעה עשר בתמוז ביז נאך תשעה באב (רמ"א סי' תקנ"א סי' ב')

ב) א שידוך מעג מען יא - (אפי' ט' באב מעג מען) מאכן.

ג) אזוי אויך ווארט, לחיים, תנאים, מעג מען (עי' מ"ב סי' תקנ"א סקי"ד י"ט).

ד) מען מאכט נישט קיין שהחיינו, אין די טעג פון בין המצרים (מחבר סי' קתנ"א סי' י"ז).[1]

ה) שבת מאכט מען אויך נישט קיין שהחיינו - ולעת הצורך מאכט מען יא שבת[2]

ו) וועגן דעם באנייט מען נישט קיין נייע קלייד, וואס מען דארף זאגן אויף דעם שהחיינו

ז) קליידער וואס איז נישט חשוב, וואס מען זאגט נישט קיין שהחיינו מעג מען יא באנייען

ח) שיך אפילו מען זאגט נישט קיין שהחיינו באנייט מען נישט.[3]

ט) מען מופט נישט אריין אין א נייע דירה.[4]

**שערן:** י) פון שבעה עשר בתמוז ביז י' באב חצות שערט מען זיך נישט (רמ"א תקנ"א סי' ד).

י"א) ביי פרויען און מיידלעך גייט אויך אן די איסור פון שערן.[5]

י"ב) שנויצן וואס שטערט פון עסן מעג מען שערן (שו"ע סי' תקנ"א סי' י"ג מ"ב סק"פ).

י"ג) לאנגע האר וואס איז א  חציצה פאר תפילין מעג מען שערן.[6]

י"ד) א ערוואקסענער מענטש טאר נישט שערן קיין קינד, אפילו לא הגיע לחינוך

**שערן די נעגל:** ט"ו) מען מעג שערן די נעגל, ובפרט לכבוד שבת קודש (מג"א סקי"א סי' תקנ"א).[7]

ט"ז) מען מעג נישט הערן קיין מוזיק אין די בין המצרים (מג"א סי' תקנ"א סק"י).

י"ז) לצורך חולה, אדער איינער דארף עס פאר די נערוון מעג מען יא.[8]

## הערות

א) עי' בספר הק' עבודת ישראל להמגיד מקוזניץ זי"ע פר' מסעי וזלה"ק: והנה הפרשה הזאת נקרא תמיד בין המצרים שהם נחשבים כ"א יום וכו' הגם שהזמן גרמא להיות עצוב ונאנח על חורבן בית המקדש, עכ"ז יש לחזק א"ע ולטהר לבבו ולעבוד ה' בתורה ותפילה "בשמחה", בפרט בשעת אמירת שירות ותשבחות, ולהבין זה עפ' משל ומליצה, מדרך מלך בשר ודם שיש לו כל מיני טוב, ומיני שמחה, וגם מנגנים, בתוף ומחול, וכינור, ועוגב, וביוצאי כאשר טוב לב המלך והנו שרוי בשמחה, אין מן הצורך לו אל המשוררים והמנעימים בקולי קולות כי בלא"ה יש לו שמחת הלב, אכן כאשר לפעמים בא עת עצב ניגון ממקרה אשר פקעהו, אז וקראו הפורטים על נבל לשירם ולזמרם לשמח לבבו ולהציל פנים, וכן הנמשל ודוגמא כביכול אל קדושתו יתברך שבוודאי משרתיו ברקיע מנעימים לו ומקלסים שמו רק בזמן שבהמ"ק חרב יש עצב בבתי בראי, אז צריכים מי אשר נגע ה' בלבו להתחזק ולכנו' אל בתי גוואי ולהפשיט עצמו מכל מיני עצבות ולשמח כבוד המלך, ולומר לפניו אתה מלכינו מעולם, וגם עכשיו ותמלוך לעולם ועד והכל כאין נגדיך וכו'

ב) עי' בספר הק' תפארת שלמה (מאמרי שבת חזון ד"ה אז תרצה הארץ את שבתותה) בא"ד אז בזמן הגלות תרצה הארץ את שבתותיה, הם השבתות המה לרצון לפני הקב"ה בשמחה גדולה, כמו שיסד מהר"ש אלקבץ זלה"ה בפיוטו לכה דודי רב לך שֶׁבֶת בעמק הבכא, ימי המצרים בין י"ז בתמוז וט' באב המה עמק הבכא, ימי המצרים בין י"ז בתמוז לט' באב המה עמק הבכא, ואז רב לך שַׁבָּת, יום השבת קודש בימי המצרים, הוא יותר גדול מכל ימות השנה מפני שבימי החול גדול הצער, לכן בשבת קודש מתרבה השמחה למעלה וכו'

1) עי' מג"א סקמ"ב טעם משום דזמן ההוא זמן פורענות אין לברך שהחיינו לזמן הזה, אבל אין הטעם משום אבילות, דלא מצינו שאבל אסור לברך שהחיינו.

2) המג"א כ' בשם האר"י הק' דאפי' בשבת אין מברכים שהחיינו - אבל בשם מטה משה, בשם ספר חסידים דמותר - למעשה המנהג שלא לברך בדעת האר"י זצוק"ל, לעת הצורך יש להקל, וכ"כ במ"ב סקצ"ח וכ"כ הלבוש א"ר סקמ"ב חיי אדם כלל קל"ג אות ח', דרך החיים אות ה' קיצור ש"ע סי' קכ"ב אות ב'

3) יוסף אומץ, אות תתס"ב דאסור אפי' בשבת אם לא לצורך גדול.

4) באופן שצריך לברך שהחיינו בודאי אסור, אם המנהג שלא יכנס לדירה חדשה בכל אופן (שו"ת מחזה אברהם ח"ג סי' י"ג - וכ"כ אוצר יד החיים אות תתרל"ג עי"ש עוד דברים בענין זה.

5) פרויען וואס שערן זיך אפ אינגאנצן אזוי ווי עס שטייט אין זוהר הק' און אין הייליגע ספרים, מעגן זיך יא שערן, מקור מתוס' יבמות מג. ד"ה במקום דכשמגלח כל ראשו קיל טפי דאיכא ניוויל, דהיינו שאינם מגלחים משום שמחה וכדומה רק מפני צניעות, מש"כ אינו בכלל איסור: וכן לצורך מצוה מותר - ואפי' כשחל ל"ט לאחר ט' באב מותר לפי המנהג, דאין מגלחין תוך ג"י לטבילה: וכן כל ששייך שלא תתגנה על בעלה מותר - כן יוצא משו"ע י"ד ס' שפ"א שהתירו כיחול ופירקיס אחר שבעה כדי שלא תתגנה

6) דהוי לצורך מצוה כמש"כ בפתי"ג סי' כ"ה א"א סק"ד ומחצית השקל ע"ש.

7) וז"ל מ"ב סק"כ: ולענין קציצת צפרניים יש מחלוקת בין האחרונים, (שער הציון - טו"ז אוסר מג"א מתיר) אכן לצורך מצוה, וכן לכבוד שב"ק שרי עי"ש.

8) שו"ת דברי סלום ח"ד דכמו שהתירו לצורך פרנסה כמש"כ בפרמ"ג א"א סק"י התירו ג"כ לצורך בריאות.


HURLEYVILLE LEASING
STAY UP ALL NIGHT...
WITH 2024 NEXT-GEN CHEVY TRAVERSE
SELF DRIVE TECHNOLOGIES.
845-720-0041 SALES@HURLEYVILLELEASING.COM WWW.HURLEYVILLELEASING.COM


Deadline to advertise Sunday 12:00 PM
קלאסיפיידס


SHIRTS | PANTS
BELTS | SOCKS
PAJAMAS
UNDERWEAR
TIGHTS | LINGERIE
DIAPERS | ONESIES
BIBS | RAIN COATS
SWIMWEAR
TERRY ROBES
Delivering all dry goods for the family to the entire Catskills region
WE'RE ON THE WAY TO YOU
845.747.5552
1619 Rt. 52
DRY GOODS
Hours Sun. - Thurs. 10:30-6:00 Fri. 10:30 - חצות


DYNAGRAFIK 845.352.1266
Delicate Rose
FINE LINGERIE
LIBERTY, NY | 347.693.7915
OPEN ALL YEAR ROUND
CALL FOR SUNDAY AND
EVENING APPOINTMENTS
CERTIFIED
KAYE LARCKY
FITTER
ABERGELE VA BIEN YOU FITFULLY YOURS GEMSLI KAYE LARCKY

# Get care at home.

TELEHEALTH VISITS
WHEN A PHONE CALL IS ENOUGH

We accept most insurance plans

PRESCRIPTION REFILLS | STREP CULTURES | FLU & COVID/ RSV TESTING | SEASONAL ALLERGIES | EAR EXAMS | RASHES/ PINK EYE | URINE CULTURES | LAB-WORK

Medease
CARE AT HOME

718.208.2030

Sun: 12pm-6pm | Mon-Thurs: 3pm-10pm
info@medease.care | medease.care

SERVICING BROOKLYN & CATSKILL AREAS



# די ערשטע סטאפ אויפן וועג אין קאנטרי




Free Delivery with minimum order

מיר האבן א רייכע אויסוואל
פון אלע, games, Judaica
און ביכער פאר קליין און
גרויס. ווי אויך פארמאגגן מיר
א רידיגע אויסוואייל פון אלע
סארטן זילבער פילד כלים.
**מיר זענען אפען א גאנץ יאר**

**שיקט אונז א מעסעדש און באקומט אייער ארדער דעליווערד צום טיר אין די קעטסקילס**

**אפען טעגליך** - 9:00 צופרי ביז 12:00 ביינאכט
**פרייטאג** - 9:00 צופרי ביז א האלבע שעה פארן זמן
**מוצאי שבת** - א האלבע שעה נאכן זמן -ביז 1:00

347.578.4449

51 Twin Bridge Rd.
Liberty N.Y. 12754
left side entrance



# Man With A Van

Whether it's a quick furniture haul, a big move across town, or just a helping hand with deliveries, our **Heimishe Man With a Van** service is here to make your life easier!

on-demand construction material pickup | Furniture & Appliance delivery | Single item transport

**For inquiries about our service please call:**
**929 - 585 - 2203**

- Reliable & Friendly service
- Affordable rates
- Flexible scheduling








שיינע פריוואטע 1 בעדרום
דירה אויף האשקי צו
פארדינגען פאר א שבת,
אדער פאר א וואך.

צו באשטעלן רופט אברהם
הערש וועבערמאן
845-492-0566



# מעשיות פון תפילה

## בערל שניטצלער

קרית ברסלב

איך האב געדארפט מאכן פערמיט צו דרייוון א באס, וואס באשטייט פון פיר שווערע פערמיטס, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ס'זאל גרינגערהייט אדורכגיין.

שכח אייבערשטער איך האב עס אדורכגעמאכט געשמאקערהייט אן קיין שוועריקייטן.

## משה עקשטיין

קרית ברסלב

איין טאג האב איך געהערט אין בעיסמענט א גערודער פון די דרייער ווענט. ס'האט אויסגעזען ווי גערודער פון א פייגל. איך האב אנגעצונדן די דרייער, און אלעס האט אויסגעזען גוט און פיין. איך האב געמיינט איך בין פטור געווארן פון די פראבלעם

קומענדיגע טאג האב איך נאכאמאל געהערט די גערודער. דא האב איך שוין געזען אז איך קען מיך נישט סתם פארהוילן דערפון און גארנישט טון. איך האב גלייך געבעטן דעם אייבערשטן אז די פראבלעם זאל זיך פאררעכטן. איך האב געזוכט א קאמפאני וואס קען ארויסנעמען דעם פייגל וואס האט זיך ווארשיינליך ארייגעכאפט דארט. אויך האב איך געבעטן דעם איבערשטן ס'זאל נישט קאסטן קיין סאך געלט צו ארויסנעמען די פייגל.

למעשה האט איין קאמאפאני געזאגט אז זיי גייען קומען, אבער זיי זענען קיינמאל נישט אנגעקומען. ווען איך האב זיי גערופן און געפרעגט וועגן דעם האבן זיי געזאגט אז זיי קענען נישט קומען פאר צען טעג. איך האב ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן אז די פייגל זאל ארויסגיין פון דארט.

איין טאג האב איך געהאט א קליניג לעדי, זי האט נישט

# מעשיות פון תפילה

געוויסט פון גארנישט, זי האט אנגעצינדן דעם דרייער און קיין פראבלעם, איך בייג מיך צו און איך הער נישט קיין שום גערודער ארויסקומען פון די דרייער. איך געב א קוק זע איך אז די גראבע פייגל איז ארויסגעפלויגן, און ס'ליגט טויט הארט ביים אנהייב דרייער ווענט לאך.

יעצט האב איך געדארפט האבן איינער זאל אוועקנעמען די טויטע פייגל, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל האבן ווער ס'זאל דאס אוועקנעמען, למעשה איז מיר בייגעפאלן צו פרעגן די קליניג לעדי אויב זי וויל דאס ארויסגעטראגן, שכח אייבערשטער אז זי האט דאס געקענט באשטיין צו אוועקטראגן אן קיין שום פראבלעם.

## רפאל יעקב גוטמאן

בראכפעלד

איין פרייטאג האבן מיר געדארפט פארן ווילן שבת אין ביתר. צו פארן פון בראכפעלד קיין ביתר איז דא צוויי וועגן צו פארן, אדער דורך בית שמש וואס דאס איז א שווערע וועג וואס מ'דרייט זיך א גאנצע וועג רעכטס לינקס רעכטס לינקס. אדער קען מען פארן דורך ירושלים וואס דאס איז א גרינגערע וועג, און די באס פארט אמאל פון דא און אמאל פון דא.

מיר האבן נישט געהאט כח צו די שווערע וועג, האבן מיר געבעטן דעם אייבערשטן די באס זאל פארן דורך ירושלים, און שכח אייבערשטער אזוי איז טאקע געווען, און מיר האבן געהאט א געשמאקע גרינגע וועג.

## ישראל דוד העסקעל

קרית ברסלב

פארגאנגענע וואך האב איך פארלוירן מיין בינטל שליסלען, איך האב עס איבעראל געזוכט אבער בשום אופן נישט געקענט טרעפן.

איך האב שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל עס קענען טרעפן איך האב צוגעזאגט אז איך וועל מפרסם זיין די מעשה פון תפילה אינעם בלעטל.

עטליכע טעג זענען אריבער און איך האב עס ווייטער נישט געטראפן, אבער איך געהאלטן אין איין בעטן דעם אייבערשטן

שכח אייבערשטער אז נאך עטליכע טעג האב איך עס געטראפן!

## מלמד מומחה

אמעריקע

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל נישט דארפן ניצן קיין מייק בשעת מען לערנט פאר אין חדר פאר די קינדער.

איין טאג האב איך נישט געניצט די מייק, און אלעס איז געפארן פיין און געשמירט, אזוי סוף טאג האב איך מיך געכאפט אז דאס איז א מעשה פון תפילה וואס איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען פארלערנען אן א מייק.

## יודל בנציון ווערצבערגער

מאנסי

איך בין ארויסגעפארן צום שטעטל צו מיטהאלטן א דף גמרא שיעור דורכן ראש ישיבה אין גן עדן התחתון - אינעם וואלד אינטערן בית המדרש.

איך האב שוין פאר דעם געבעטן דעם אייבערשטן אז יענע טאג זאל נישט רעגענען כדי מען זאל קענען פארלערנען אין וואלד. אויפן וועג ארויף האט זיך געוומען גיסן ווי ס'דארף צו זיין, ס'האט שוין אויסגעזען אז היינט וועט מען שוין נישט פארלערנען אין וואלד, אבער איך האב ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן.

און פלאי פלאים, ביים אנקומען האט אויפגעהערט צו רעגענען, און נאכן דאווענען איז געווען א פיינע שיעור אין וואלד מיט גוטע חיזוק.

על ידי הפצת ספרי רבינו נביא את משיח צדקינו



# הפצה ווינקל

## בריוו פונעם ראש ישיבה

בעזרת ה' יתברך

**ערב שבת קודש פרשת שלח, מברכין תמוז, כ"ב סיון, שנת תשפ"ד לפרט קטן**

לכבוד ... נרו יאיר

געלויבט דעם אייבערשטן איך שפיר זיך שוין גוט, און איך וויל דיר דאס לאזן וויסן, ווייל איך האב דיר געגעבן פינף הונדערט דאלער צו דרוקן אשר בנחל פאר א זכות רפואה פאר מיר; ברוך השם איך שפיר זיך שוין גוט.

יעצט וויל איך נאכאמאל א זכות, איך שיק דיר דא נאכאמאל פינף הונדערט דאלער צו דרוקן דעם הייליגן ספר 'אשר בנחל'. איך וויל דיר בעטן זאלסט אריינלייגן די נעמען פון מיין משפחה; מיין נאמען, מיין ווייב'ס נאמען און די נעמען פון מיינע קינדער; עס זאל זיין א זכות פאר מיינע קינדער זאלן מצליח זיין זומער, זיי זאלן לערנען און דאווענען און זיין געזונט.

שטארק זיך, ווער נישט פארלוירן יעצט ווען די בית הדפוס גייט אריבער שווערע טעג, עס איז נישטא קיין געלט צו צאלן די איינגעשטעלטע; דו גיי ווייטער צאמנעמען צדקה פון אנשי שלומינו, ווייל אנשי שלומינו זענען זייער ווארעם פאר הדפסה.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## ישועות אשר בנחל

מיר געבן איבער דאס ווארט פאר מו"ה הערשל פריעדמאן הי"ו פון מאנסי, איינע פון מיינע נאנטע קרובי המשפחה וואס האט שוין געהאלטן עטליכע יאר נאך די חתונה, אבער עס רוקט זיך א יאר נאך א יאר, און זייער הויז איז ליידיג. קיינער דרייט נישט איבער, קיינער וויינט נישט, און כאטש מען האט פרובירט אלע סגולות און אלע פעולות האט זיך דארט גארנישט גערירט.

איך האב שוין געהאט געהערט איבער די געוואלדיגע סגולה אז מוהרא"ש האט צוגעזאגט אז ווער עס וועט געבן צדקה צו דרוקן די ספרים "אשר בנחל" וועט זען א זיכערע ישועה, אבער איך האב פשוט נישט געטראכט דערפון צופיל אויף למעשה. דא האב איך מיך דערמאנט דערפון, איך האב באשלאסן אנשטאט צו רופן מיין קרוב און אים משוגע מאכן פרוביר א רויטע בענדל, אדער א שטיין פון אינדיע, וועל איך אליינס געבן לזכותו דעם סכום פון פינף הונדערט דאלער, אלץ א סגולה אז זיי זאלן געהאלפן ווערן.

און געלויבט דעם אויבערשטן, איך קען פארציילן די מעשה מיט גרויס פרייד, צען חדשים שפעטער האט די פאר פאלק געהאלזט זייער פריש געבוירענע מיידעלע בשעה טובה ומוצלחת. עס איז נישט געווען קיין גרעניץ צו מיין פרייד, וויסענדיג אז איך האב געהאט דא א חלק אינעם ישועה.

זעענדיג אז די סגולה איז בדוק ומנוסה, האב איך באשלאסן עס צו נעמען א שטאפל ווייטער. פאר דעם וועט איר שוין דארפן ווארטן אויף קומענדיגע וואך.

איבערצולאזן א מעשה פון הפצה רופט 845.379.1161

צו באקומען די וועכנטליכע עצתו אמונה אפגעשיקט צו אייער טיר

email: subscribe@kerenhadfusa.org

קאל, טעקסט, וואטסעפ: 718.387.2691

# נייעס פון קרן הדפסה

## קרן הדפסה דרוקט איבער אשר בנחל אידיש חלק ב'

תיכף נאך די פטירה פון אונזער הייליגער רבי מוהרא"ש זי"ע האט דער ראש ישיבה שליט"א זיך אונטערגענומען צו דרוקן און פארשפרייטן די חלקים פון אשר בנחל אויף אידיש, הונדערטער בריוו וואס מוהרא"ש זי"ע האט געשריבן פאר'ן היימישן עולם. דער ראש ישיבה שליט"א האט געבעטן הר"ר מרדכי אינדיג שליט"א איבערצואַרבעטן די בריוו, מגיה זיין, צוטיילן, און צולייגן מראה מקומות און קלארע מפתחות. די פריש איבערגעארבעטע בענדער וועלן בעז"ה ווערן געדרוקט אין "זיבן" בענדער.

די ערשטע חלקים זענען שוין איבערגעדרוקט געווארן עטליכע מאל, און יעצט האט מען פריש געדרוקט א גרויסע סכום פון אשר בנחל אידיש חלק א' מיטן נאמען "מהדורת מארקאוויטש". דערווייל ארבעט מען אויף די ווייטערדיגע חלקים, און מען האפט אז חלק ג' וועט זיין גרייט תיכף נאכדעם וואס חלק ב' וועט ווערן איבערגעדרוקט.

דער ראש ישיבה שליט"א האט געבעטן דעם קרן הדפסה איבערצונעמען די הוצאות, און דערפאר קומט דער קרן הדפסה ארויס מיט אן אפיעל צו אנשי שלומינו צו נעמען א חלק אין חלק ב'. רופט דעם גבאי מו"ה לייבי ראטה שליט"א צו נעמען א חלק אין דעם הייליגן פראיעקט, 347-578-4449.

נדיבים בעם האבן יעצט די געלעגנהייט צו אפקויפן דעם "זכות מהדורה" פאר צען טויזנט דאלער, און די ספרים וועלן גערופן ווערן אויף זייער נאמען, אייביגע זכות לדורות עולם.

# בילדער פון קרן הדפסה



איבערגעדרוקט די נייע קונטרס מעשיות פון צדיקים



נייע חינוך קונטרס א פרייליכע אטמאספער ארויס פון דרוק



פילע קאלערינג ביכלעך גרייט פאר הפצה

## אלו יעמדו על הברכה

די טייערע נדבנים וואס האבן גענומען א שיינעם חלק אין הפצת אור רבינו ז"ל די וואך

**בניהו אונגאר**
קרית ברסלב

**לייבי ליעבערמאן**
טאמס ריווער

**יצחק יונה זאבעל**
קרית יואל

**יודא ווייל**
וויליאמסבורג

**נחמן ישראל יאקאבאוויטש**
קרית ברסלב

**דוד טשינגל**
וויליאמסבורג

**אפרים נובוגרודסקי**
לאנדאן

**הערשל פריעדמאן**
מאנסי

**העניך אינדיג**
קרית ברסלב

**לוי יצחק זאפיר**
בארא פארק

**אשר לעווי**
דזשערזי סיטי

**יואל אפפענהיים**
קרית ברסלב

צו מנדב זיין:

phone: **718.387.2691 103#** | email:**donate@kerenhadfusa.org** | whatsapp: **347.578.4449**

# בואו חשבון...

## אנשי שלומינו רופן זיך אן גאר ווארעם

**$71,000**

TEAM 1
אשר לעמיל זוסמאן
דוד לאקס

**$49,500**

TEAM 3
לייבי אפפעל
יואל משה מייזעלס

**$38,000**

TEAM 2
מרדכי הימליך
אברהם הערש וועבערמאן

**$47,500**

TEAM 4
יואל וועבערמאן
יצחק אייזיק ראטה

יעדער נעמט

יעדע

אנשי חיל געטרייע סאלדאטן

*sruliHeskel

TEAM 5
אהרן שלמה שווארץ
לוי יצחק זאפיר
אנשי חיל געטרייע סאלדאטן

$65,700

TEAM 8
אנשי חיל געטרייע סאלדאטן

$00,000

TEAM 6
בערל שווארץ
יעקב האלצער
אנשי חיל געטרייע סאלדאטן

$10,000

TEAM 9
אנשי חיל געטרייע סאלדאטן

$00,000

TEAM 7
בנימין פאללמאן
יעקב פיש
אנשי חיל געטרייע סאלדאטן

$53,100

TEAM 10
יוסי זינגער
ישראל דוד העסקעל
אנשי חיל געטרייע סאלדאטן

$48,000

# ערווארט אייער טעלעפאון רוף

די חשובע געטרייע טיעם מענעדשערס ארבעטן איבערמידליך די טעג אנצוקומען צו יעדן איינעם און באגלייטן יעדן צו קענען אנקומען צום מאקסימום מעגליך ארויסצוהעלפן די פלאץ וואס געבט לעבן פאר אונז און אונזערע דורות.

**האחיכם יצאו למלחמה ואתם תשבו פה?**

charidy.com/breslev

ט״ז - י״ח אב

...א חלק

...ר איז געטריי!



# א מעשה
## פון א צדיק

## שְׁוַייג אוּן עֶנְטְפֶער נִישְׁט

וִוי בַּאקַאנְט אִיז גְרַאף פַּאטָאצְקִי גֶעוָוארְן אַ גֵר, אוּן זִיךְ מְגַיֵּיר גֶעוֶוען, וַוייל עֶר הָאט אַיינְגֶעזֶען דֶעם אֱמֶת, אָבֶער דִי קַאטוֹילִישֶׁע (קְרִיסְטְלִיכֶע) פַארְוַואלְטוּנְג, אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר בְּרוֹגֶז אוֹיף אִים, זַיי הָאבְּן אִים אַרוּמְגֶעזוּכְט אוּמֶעטוּם, כְּדֵי אִים אוּמְצוּבְּרֶענְגֶען, אָבֶער וִויבַּאלְד עֶר אִיז אַנְטְלָאפְן אוּן זִיךְ גֶעטוֹישְׁט דֶעם קְלֵיידוּנְג, אַז אוֹיךְ הָאט עֶר זִיךְ גֶעלָאזְט וַואקְסְן בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, הָאבְּן זַיי אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרֶעפְן. זַיי הָאבְּן אִים גֶעזוּכְט אִין יֶעדְן שְׁטָאט, אוּן פַארְוָוארְפֶענֶע שְׁטֶעטְל, אָבֶער עֶס אִיז זַיי נִישְׁט גֶעלוּנְגֶען צוּ טְרֶעפְן.

עֶר אִיז אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען אִין אַ שְׁטָאט מִיטְן נָאמֶען אִילִיָה, וָואס דָארְט אִיז עֶר גֶעזֶעצְן אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן גֶעלֶערְנְט מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע הַתְמָדָה בַּייטָאג אוּן בַּיינַאכְט, כָּאטְשׁ אֲפִילוּ דִי שְׁטָאט לַייט הָאבְּן גֶעוואוּסְט אַז מֶען זוּכְט אִים, אִיז קֵיינֶער נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען חַס וְשָׁלוֹם אוֹיסְזָאגְן פַאר דִי רֶעגִירוּנְג אַז עֶר בַּאהַאלְט זִיךְ אִין זֵייעֶר שְׁטָאט.

בִּיז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַ טָאג, אוּן אַ יוּנְגֶע מְחוּצָף, אַ קִינְד, הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען טְשֶׁעפֶּענֶען דֶעם גֵר צֶדֶק אוֹיף אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע פַארְנֶעם, עֶר הָאט זִיכֶער גֶעמַאכְט אַרַיינְצוּקוּמֶען אִין דִי צַייט וָואס קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, אוּן זִיךְ גֶענוּמֶען פַּיינִיגְן דֶעם גֵר צֶדֶק, גֶעמַאכְט אַ גֶערִידֶער, אוּן פָּשׁוּט אִים נִישְׁט גֶעלָאזְט לֶערְנֶען. אוּן וִויפִיל דֶער גֵר הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיי דֶעם מְחוּצָף "וָואס ווִילְסְטוּ פוּן מִיר, לָאז מִיר אָפּ, שְׁטֶער מִיר נִישְׁט פוּן מַיין לֶערְנֶען" הָאט דָאס גָארְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן, וַוייל דָאס קִינְד הָאט נָאר גֶעזוּכְט, צוּ וֵויי טוּן דֶעם גֵר צֶדֶק.

אֵיין טָאג בִּשְׁעַת דֶער מְחוּצָף הָאט גֶעפַּיינִיגְט אוּן גֶעצַאפְּט דֶעם לֶעצְטְן טְרָאפְּן בְּלוּט פוּנֶעם גֵר אוּן אִים מַמָּשׁ אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן דִי כֵּלִים, הָאט זִיךְ דֶער גֵר צֶדֶק אָנְגֶערוּפְן צוּ אִים "בִּיסְט נִישְׁט אַ כָּשֵׁר קִינְד". דָא הָאט שׁוֹין דֶער טְשֶׁעפִּינְיַאק גֶעהַאט וָואס צוּ דֶערְצֵיילְן, אִיז עֶר אַהֵיים גֶעלָאפְן, אוּן דֶערְצֵיילְט פַאר זַיין טַאטֶע "אַ חוּצְפָּה, הָאסְט גֶעהֶערְט וִויאַזוֹי דֶער אִיד אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הָאט מִיר אָנְגֶערוּפְן, עֶר זָאגְט אִיךְ בִּין נִישְׁט אַ כָּשֵׁר קִינְד". דֶער טַאטֶע הָאט זִיךְ זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט, אוּן מִיט גְרוֹיס כַּעַס גֶעלָאפְן אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן אִים גֶענוּמֶען שֶׁעלְטְן מִיט קְלָלוֹת נִמְרָצוֹת.

דֶער גֵר צֶדֶק הָאט פְּרָאבִּירְט מִיט שֵׁיינְקֵייט אִיבֶּער צוּ בֶּעטְן דֶעם טַאטְן אוּן גֶעזָאגְט "אִיךְ בֶּעט דִיר אִיבֶּער, זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף דֶעם וָוארְט וָואס אִיז אַרוֹיס פוּן מַיין מוֹיל, אִיךְ הָאבּ דָאס נָאר גֶעטוּן פוּן גְרוֹיס צַעַר אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ וָואס דַיין זוּן הָאט מִיר אָנְגֶעמַאכְט דִי לֶעצְטֶע פָּאר וָואכְן אָן אוֹיפְהֶער",


אהל פון הגר"א מווילנא, וואו עס ליגט די אש פון פאטאצקי

אָבֶער דֶער טַאטֶע אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשׁ, אוּן הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אָנְנֶעמֶען זַיינֶע וֶוערְטֶער, נָאר וַוייטֶער גֶעשָׁאלְטְן אוּן פַארְשֶׁעמְט מֶער אוּן מֶער, בִּיז פוּן גְרוֹיס כַּעַס אוּן אוֹיפְגֶערֶעגְטְקֵייט הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן אוּן גֶעלָאפְן צוּם פָּאלִיצַיי אִיבֶּערְגֶעבְּן אַז גְרַאף פַּאטָאצְקִי וָואס דִי קַאטוֹילִישֶׁע פַארְוַואלְטוּנְג זוּכְט נָאךְ אִים, גֶעפִינְט זִיךְ אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ פוּן שְׁטָאט אִילִיָה.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ עֶס אִיז גְלַייךְ גֶעוָוארְן אַ רִידֶעֵריי בַּיי דִי רֶעגִירוּנְג בַּאאַמְטֶע אַז מֶען הָאט גֶעטְרָאפְן דֶעם גֵר צֶדֶק וָואס מֶען זוּכְט אִים שׁוֹין פַאר אַזַא לַאנְגֶע צַייט. דִי פָּאלִיצַיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען אוּן אִים אַיינְגֶעזֶעצְט אִין תְּפִיסָה פוּן שְׁטָאט ווִילְנָא. דָארְט אִיז עֶר גֶעזִיצְן פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט, מֶען הָאט אִים גֶעפַּיינִיגְט מִיט שְׁרֶעקְלִיכֶע יְסוּרִים, אוּן מֶען הָאט פְּרָאבִּירְט מִיט אַלֶע מִינֵי וֶועגְן אִים צוּ אַיינְרֶעדְן עֶר זָאל צוּרִיק גֵיין צוּ קְרִיסְטְלִיכֶע גְלוֹיבּוּנְג, אָבֶער עֶס הָאט פַארְשְׁטֵייט זִיךְ גָארְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן, עֶר הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן שְׁטַארְק בַּיי דִי אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. בִּיז מֶען הָאט אִים דַן גֶעוֶוען אוּן גֶע'מִשְׁפָּט צוּ פַארְבְּרֶענֶען אִין פֵייעֶר דֶעם צְוֵוייטְן טָאג שָׁבוּעוֹת אִין יָאר תק"ט.

פַאר מֶען הָאט אִים פַארְבְּרֶענְט הָאט דֶער גֵר צֶדֶק זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "וֶועגְן דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס הָאט מִיר גֶע'מַסָרְ'ט פַאר דִי קַאטוֹילִישֶׁע רֶעגִירוּנְג, גֵיי אִיךְ יֶעצְט וֶוערְן פַארְבְּרֶענְט אוֹיף קִידּוּשׁ הַשֵּׁם, אוֹיבּ אִיךְ וֶועל הָאבְּן עֶפֶּעס אַ חֵלֶק אִין עוֹלָם הַבָּא, וֶועל אִיךְ נִישְׁט רוּעֶן אוּן שְׁוַייגְן, בִּיז אִיךְ וֶועל מַצְלִיחַ זַיין אַז עֶר זָאל אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ אַ חֵלֶק אִין עוֹלָם הַבָּא, וַוייל עֶר הָאט מִיר מְזַכֶּה גֶעוֶוען מִיט אַזַא גְרוֹיסֶע עֲשִׁירוּת, אַז אִיךְ קֶען וֶוערְן פַארְבְּרֶענְט אוֹיף קִידּוּשׁ הַשֵּׁם". אַזוֹי אִיז עֶר פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן אִין פָארְנְט פוּן דִי גוֹיִם נָאךְ שְׁוֶוערֶע יְסוּרִים. הַשֵּׁם יִנְקֹם דָמָם.

וֶוען אֵיינֶער פַארְשֶׁעמְט דִיר אוּן בַּאשְׁמוּצְט דִיר, עֶנְטְפֶער אִים נִישְׁט, נֶעם עֶס אָן פַאר כַּפָּרַת עֲווֹנוֹת. וֶוען גְרַאף פַּאטָאצְקִי וָואלְט נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט פַאר דֶעם מְחוּצָף, וָואלְט מֶען אִים קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעכַאפְּט, וָואס אֲפִילוּ בֶּאֱמֶת הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן פַארְבְּרֶענְט אוֹיף קִידּוּשׁ הַשֵּׁם, אָבֶער עֶר וָואלְט דָאס גֶעקֶענְט פַארְמַיידְן אוֹיבּ וָואלְט עֶר גֶעהַאט סַבְלָנוּת אוּן דָאס אָנְגֶענוּמֶען. אוּן דָאס אִיז וָואס מִיר דַארְפְן זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען, נִישְׁט צוּ עֶנְטְפֶערְן וֶוען אֵיינֶער טוּט דִיר וֵויי, נָאר נֶעם עֶס אָן אַלְס אַ כַּפָּרָה פַאר דַיינֶע עֲבֵירוֹת.

(שיחות מוהרא"ש חלק ט', אות סבלנות)

# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע





פ"ב

## פָארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:

**דֶער רֶבִּי וֵוילְט אוֹיף שַׁבָּת אִין שְׁטָאט אוּמַאן, אוֹיפְ'ן וֶועג צוּם שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב.**

וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט אִין אוּמַאן, אוֹיפְ'ן וֶועג צוּם שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, אִיז דַאן נִתְקָרֵב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן גָאר אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ שׁוֹחֵט, אוּן עֶר הָאט גֶעקֶענְט קַבָּלָה מַעֲשִׂיּוֹת, אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּנֶעם רֶבִּינְ'ס מֶענְטְשְׁן אַז דֶער רֶבִּי וֶועט זַיין אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, אוּן אַז דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן רֶבִּי'ן אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיז עֶר דַאן אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן נָאךְ שַׁבָּת אוּן גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶר זָאל קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דוּרְךְ קַבָּלָה מַעֲשִׂיּוֹת, מִיט קְפִיצַת הַדֶּרֶךְ, וַוייל רוֹב טָאג אִיז עֶר פַארְנוּמֶען מִיטְ'ן שֶׁחְטְ'ן עוֹפוֹת, וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען זַיין פַּרְנָסָה, אוּן פוּן אוּמַאן קַיין בְּרֶסְלֶב אִיז אַ וַוייטְקֵייט פוּן בְּעֶרֶךְ הוּנְדֶערְט וִויעֶרְסְט. הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "נֵיין, צוּ מִיר דַארְף מֶען פָארְן מִיט פֶערְד אוּן וֶועגֶענֶער".

דִינְסְטָאג פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י' אֱלוּל, אִיז דֶער רֶבִּי אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב. עֶס אִיז דַאן גֶעוֶוען אַ יְרִיד אִין בְּרֶסְלֶב, אוּן דֶערְפַאר אִיז גֶעוֶוען דָארְט אַסַאךְ מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע אַרוּמִיגֶע דֶערְפֶער, אוּן אַזוֹי וִוי סְ'אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער מַצָּב מְקַבֵּל פָּנִים צוּ זַיין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיז עֶס שְׁטַארְק בַּאקַאנְט גֶעוָוארְן דָארְט צְוִוישְׁן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם יְרִיד.

מְ'הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן פוּן רֶבִּי'ן, אִיבֶּער דֶעם וָואס עֶר פִירְט זִיךְ נִישְׁט וִוי אַנְדֶערֶע גְרוֹיסֶע רֶבִּי'ס, וָואס פַארְבְּרֶענְגֶען אַסַאךְ מִיט סְעוּדוֹת, דֶער רֶבִּי רֶעדְט נָאר פוּן תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, אוּן אוֹיךְ אִיבֶּער דֶעם וָואס עֶר הֵייסְט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן זִיךְ מִתְוַדֶה זַיין פַאר אִים, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער הָאט מֶען אָנְגֶעהוֹיבְּן אַסַאךְ רֶעדְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אִין בְּרֶסְלֶב אִיז דַאן גֶעוֶוען אַ גֶעוִויסֶער חַזָן, וָואס הָאט גֶעשְׁמוּעֶסְט אוֹיף אִים נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן, אַז עֶר פִירְט זִיךְ אוֹיף זֵייעֶר נִישְׁט גוּט רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן דִי מֶענְטְשְׁן פוּן שְׁטָאט זֶענֶען נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן פוּן אִים, צוּלִיבּ דִי חֲשָׁדוֹת וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיף אִים.

וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען אַז דֶער רֶבִּי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין שְׁטָאט, אִיז עֶר שְׁנֶעל גֶעקוּמֶען מְקַבֵּל פָּנִים זַיין דֶעם רֶבִּי'ן, עֶר הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט חֲנְפְ'נֶען צוּם רֶבִּי'ן, עֶר הָאט גֶעהָאלְפְן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאכְן, אוּן הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט וִוי עֶס גֵייט גָארְנִישְׁט פָאר שְׁלֶעכְט מִיט אִים.

פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס, פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, הָאט מֶען אָנְגֶעגָאסְן דֶעם בֶּעכֶער פַארְ'ן רֶבִּי'ן צוּ מַאכְן קִידוּשׁ, דֶער בֶּעכֶער הָאט זִיךְ אָבֶּער אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אוּן דִי וַויין הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן אוֹיף דֶער עֶרְד, מְ'הָאט אָנְגֶעגָאסְן פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַ צְוֵוייטְן בֶּעכֶער וָואס אוֹיף דֶעם הָאט עֶר קִידוּשׁ גֶעמַאכְט.

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "הַיינְט הָאבְּן מִיר אַיינְגֶעפְלַאנְצְט דֶעם נָאמֶען 'בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים', אוּן דָאס וֶועט שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן, אֵייבִּיג וֶועלְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ גֶערוּפְן וֶוערְן אוֹיפְ'ן נָאמֶען פוּן דֶעם שְׁטָאט 'בְּרֶסְלֶב'". אוּן אַזוֹי אִיז עֶס טַאקֶע גֶעבְּלִיבְּן בִּיזְ'ן הַיינְטִיגְן טָאג.

**וָואס הָאט זִיךְ וַוייטֶער אָפְּגֶעשְׁפִּילְט בַּיים סְעוּדָה?**
**לֵיינְט קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה**

# בקרו...

# ספר א...

# איש אמונ...

## שנת תש״פ ◆ חל...

## זכות מהדורה

**$5,000**

**זכות מהדורה**
מוה״ר **יעקב פיש** הי״ו — נמכר




## זכות פרשה

**$1,000**

**בראשית**
מוה״ר **נתנאל פארקאש** הי״ו — נמכר

**נח**
מוה״ר **מנחם זאב שטרול** נ״י — נמכר

**חיי שרה**
מוה״ר **יעקב יוחנן איידליס** הי״ו — נמכר

**תולדות**
מוה״ר **ישראל מרדכי ראזענפעלד** הי״ו — נמכר

**ויצא**
מוה״ר **אהרן ישראל פיש** הי״ו — נמכר

## זכותים בספר

**$500**

מוה״ר **שלום יוסף ניישטיין** הי״ו — נמכר

מוה״ר **יהודה ארי׳ לייב ליבערמאן** הי״ו — נמכר

מוה״ר **דוד** (בר״ג) **ניישטיין** הי״ו — נמכר

מוה״ר **ישראל דוד העסקל** הי״ו — נמכר

מוה״ר **יהודה ארי׳ ראטה** הי״ו — נמכר

מוה״ר **שלמה אפפלדארפער** הי״ו — נמכר

מכון עצתו אמונה

הוצאת ספרי רבינו זכותו יגן עלינו

# דער ראש ישיבה האט געזאגט:

"ווער עס וויל מיך טרעפן, ווער מיך טרעפן אין ספר איש אמונות".

## דער ראש ישיבה שרייבט:

"אין די ברייוו ליגן אזויפיל חיזוק, אזויפיל שכל, עס ליגן אין די ברייוו אלעס וואס דו דארפסט וויסן פאר דיין לעבן"

רופט שוין אן

ר' ישעי' איידליס הי"ו

צו נעמען אייער זכות

**347.831.1391**

מען קען אויך איינהאנדלען א זכות דורך אונזער מטבע אקאונט:

00124222790

וויאויך דורך אונזער ojc אקאונט:

10505

פאר מער אינפארמאציע קען מען שיקן אן אימעיל צו:

MAEBRESLEV@GMAIL.COM

## זכות ימים טובים

**$1,500**

ראש השנה — מוה"ר משה גאטליעב הי"ו — נמכר

יום כיפור — הרוצה בעילום שמו — נמכר

סוכות — מוה"ר אברהם יצחק אייזנער הי"ו — נמכר חצי

לך לך — מוה"ר משה ראזענבערג הי"ו — נמכר

וירא — הרב שמעון רוטה הי"ו — נמכר

וישלח — הרב אלימלך שארף הי"ו — נמכר

וישב — מוה"ר יעקב שלום ראטטענבערג הי"ו — נמכר

# געלע וואסער מעלאנע



ישראל דוד העסקעל

**אה,** די ערב שבת שאפינג, ס'דאך אזוי געשמאק, ס'פארמאגט אלע טעמים. אוי ווי זיס אריינצולייגן נאך א גוטע זאך אין די וועגעלע און זיך אונטערזאגן לכבוד שבת קודש...

איי וועסטו פרעגן וואס האק איך אין קאפ שטותים, וועלכע גוטע טעם פונקטליך רעד איך וועגן, ביטע זיי מיר מסביר וואס אין די וועלט איז אזוי זיס פון ערב שבת שאפינג?

וואס איז זיס? די חלק פון זיך דרייען אהין און אהער צווישן די געפאקטע גראסערי איילס א שעה און האלב פאר שבת?

וואס איז דיר אזוי געשמאק? הע? דאס אז דיין ווייב קאלט יעדע צען סעקונדעס צו צולייגן נאך פופצן זאכן צו די אזוי שוין אויך לאנגע ליסטע?

וועלכע טעם פונקטליך שפירסטו ווען די הויט ברענט דיר, ס'איז גאר גאר שפעט און די גאנצע שבת ליגט איינגעפאקט רויעהייט אין עטליכע באקסעס אין די טראנק פון דיין קאר, בשעת'ן זיצן אין פייפעדיגע באמפער צו באמפער טרעפיק, ווייל אין צוויי וואכן ארום גייט זיין וויזיטינג דע'... ממש אלע טעמים...



מיר האבן א ראש ישיבה וואס לערנט אונז אויס די טריקס, די שטילע באהאלטענע סודות ווי אזוי מ'קומט אן און מ'איז זוכה צו קענען שפירן אלע זיסע טעמים אין ערב שבת און אין שבת קודש, די סיקרעט קאודס ווי אזוי מ'ברעכט דורך אז ביי הדלקת הנרות פרייטאג צונאכטס זאל הערשן אין שטוב אהבה ואחווה ושלום ורעות, און נישט אלע קליפות פון מחלוקת און אלע שדים פון זיך ארומקריגן און נישט רעדן איינער צום צווייטן "לכבוד שבת"...

יא איר זענט גאר לאקי, וויסן זאלט איר אז ס'איז דא א קלארע מהלך ווי אזוי דורכצוברעכן דעם גרויסן בער.

ניין, האט נישט מורא, מ'דארף נישט עסן לעמאן מיט אינגבער, איר ברויכט נישט זיך ארומשלעפן מיט א פעקל קנאבל אין טאש, די עצה איז גאר א גרינגע און קומט מיט פראקטישע טיפס...

די עצה, די גאר גרויסע סוד איז, מ'בעט דעם אייבערשטן, מ'רעדט זיך אויס פארן אייבערשטן און א גאנצע וואך קען מען אויף דעם בעטן "הייליגער באשעפער איך וויל זיין פרייליך שבת איך וויל האבן א רואיגע ערב שבת איך וויל האבן א שטוב ווי ס'איז נישט פארהאן קיין דיקע לופט נאר ליבשאפט".

אזוי בעט מען אסאך דעם אייבערשטן אז מ'זאל קענען צו דעם צוקומען און דאס ארבעט בדוק ומנוסה!

באגלייט מיט דעם איז דא אפאר פיינע טיפס, ווי למשל, הייב אן אנגרייטן דעם שבת שוין פון אינמיטן די וואך וואס דארפסטו ווארטן ביז צוויי שעה פארן זמן זיך צו דערמאנען אז ס'נישט דא פיש און קיין טשולנט, דערמאן דיך אינמיטן די וואך, קענסט א גאנצע וואך אנגרייטן דעם שבת.

אזוי אויך אום ערב שבת מאך אלעס וואס פריער, גיי אין מקוה שוין ביי חצות. פלי אין גראסערי אזוי פרי ווי די קענסט. מאך אלעס גענוג פרי וועסטו נאך קענען כאפן פאר שבת א פיינעם שלאף מיט די גאנצע משפחה און אויפנעמען דעם שבת ווי ס'פאסט.

בקיצור איך שפאציר זיך פרייטאג צופרי נאכן דאווענען צווישן די ברייטע איילס פון דעם גרויסן שיינעם לעמאנעיד גראסערי איינקויפן די לעצטע פאר זאכן לכבוד שבת קודש.

די סטאר האלט נאך פארן ערב שבת טרעפיק ווען מ'קען זיך ממש נישט רירן ס'איז נאך גאנץ לופטיג, איך כאפ א וועגעלע און מ'הייב מיר הייב אן דעם שאפינג.

א מחי' אלע טעמים... מ'נעמט אביסל פיינע גוטע פרוכט, אה די טשעריס קוקן אויס עפעס גאר גאר גוט, לכבוד שבת קודש! א פערטל מעלאנע, יא איך גיי קלויבן לאמיר זען וועלכע ס'קוקט אויס דאס בעסטע, אריין אינעם וועגעלע. א רעטעך לכבוד שבת - א הארטע, פארשטייט זיך אויך אריין.

גיימיר ווייטער. יצחק אהרן שטייט שוין ביי די פיש געשעפט "גוט מארגן א גוטן ערב שבת" באגריסט ער מיט א ווארימע שמייכל, אוי ווי זיס און געשמאק די ערב שבת ווייבס, אביסל באנדלעך אריין אינעם וועגעלע. גוטע פיינע זויער פיקל, אביסל קאלד קאטס מיט אייס קריעם, כ'מיין אז אונז האמיר עס, כ'געדענק נישט מ'זאל דארפן נאך עפעס, אבער לכבוד שבת לאמיר נאך איינמאל מאכן אן הקפה אינעם גראסערי, אה גוטע נאש שיעור פארגעסן, אריין פון אלעם גוטן. פיין גיימיר צום רעגיסטער לכבוד שבת קודש!

יא פאק עס אין א באקס ביטע, שכח. איך שלעפ מיר צוריק צום קאר, איך דארף נאר גיין צו שאפרייט קויפן נאך עטליכע קליינקייטן לכבוד שבת קודש.

אזוי ווי איך בין נאר אריין אין שאפרייט באגעגן איך א מורא'דיגע זאך עפעס וואס איך האב נאך קיינמאל פריער נישט געזען - א געלע וואסער מעלאנע!

נישט אביסל געלעכלעך, א שיינעדיגע גאר העלע געלע קאליר. איך טראכט שנעל איך האב שוין געקויפט אויף שבת וואסער מעלאנע זאל איך יא נעמען, נישט נעמען? הממם לכבוד שבת קודש, נאך אינמיטן טראכטן און שוקל זיין האבן מיינע הענט פשוט געכאפט דעם פרי אריין אין וואגן לכבוד שבת!





דער פרייטאג טוט דאס זיינע... שוין אויסגעפאקט די גראסערי, מ'שיילט די רעטעך, מ'מאכט נאך די לעצטע הכנות פאר די קינדער קומען אהיים פון חדר. די אווערנייט קוגל שמעקט אינעם גאנצן הויז, מ'שפירט שוין שבת אין די לופט!

יעדער באקומט א טעלער "וואס ווילסטו פאר טועמי'?" "טשאלנט". "וואס נאך?" "פיינע קוגל, אוודאי אביסל פערפל אויך", און ווארט נאר ווארט באלד גייט מען מאכן א טועמי' אויפן געלן וואסער מעלאנע...

איך שנייד אויף דעם געלן מעלאנע און וואס זאל איך אייך זאגן, אוי איז דאס גוט געווען, ס'האט א טעם ווי געווענליכע מעלאנע אבער אסאך זיסער', אוי איז עס פיין געווען!

איך שטיי דארט ביים קאונטער מיטן מעסער אין האנט איבער דעם געלן מעלאנע און איך טראכט צו זיך וואסערע לימוד קען איך ארויסנעמען עפעס פאר מיך? וועלכע זאך קען איך אויסקוועטשן פונעם אינטערעסאנטע וואסער מעלאנע פאר מיר אויף לעובדא ולמעשה?

טראכט א מינוט ווי אזוי ווערט פון די טראדיציאנאלע רויטע וואסער מעלאנע אזא געלע קאליר מיט אזא זיסע טעם? ווי אזוי פאסירט דאס?

מסתמא זענען געווען פארמערס וואס האבן עקספערימענטירט און צופליקט די מסורה'דיגע רויטע וואסער מעלאנע צוריבן און צופיצלט, צו'הרג'עט און צוקראצט, באגראבן און אויפגעגראבן, ביז מ'האט זיך דערזען מיטן נייעם געלן פרוכט.

און וואס איז מיט מיר? דער ראש ישיבה האט פארציילט אז אין יבנאל ליגט א איד וואס אויף זיין מצבה שטייט אז יעדן טאג האט ער געלייגט צוויי פאר תפילין! דער ראש ישיבה האט פארציילט אז מוהרא"ש ז"ע איז אמאל געווען אין א אלטע בית החיים אין אמעריקע און געוויזן פאר די בחורים א מצבה וואס שטייט אז דער איד איז געווען א שומר שבת זיין גאנץ לעבן, דעם שבת האט ער נישט פארשוועכט!

וואס דארף איך טראכטן? הע? צוויי פאר תפילין געלייגט יעדן טאג, הממם הלוואי זאל מען קענען שרייבן אויף מיין מצבה כאטש איין פאר תפילין.... שבת? אוי באשעפער ס'איז דאך איבערגעגאנגען וואס איז איבערגעגאנגען, אויף מיין מצבה וועט שוין נישט קענען שטיין אז מיין גאנץ לעבן האב איך דעם שבת נישט פארשוועכט...

זאל איך אויפגעבן? וואס וועט מען אויף מיר שוין קענען שרייבן? נוטר הברית? אוי באשעפער איך האב אזוי שטארק געוואלט זיין ערליך! דאס איז עס? איך בין א פארפאלענער? מ'וועט אויף מיר שרייבן א פאום פון שיינע גראמען וואס שטייט גארנישט?

איך בין נישט קיין רויטע מעלאנע איך בין נישט דער מסורה'דיגער... אויף מיר איז ביטערליך איבערגעגאנגען, ס'קוקט שוין אויס אנדערש... ס'איז געל - אבער איך גיי מיך דערהאלטן, איך וועל זיין א געלער איך בין אנדערש, איך בין אריבער וואס איך בין אריבער, אבער דערהאלטן גיי איך מיך, נישט קיין חילוק וואס! איך גיי נישט פאלן, איך הייב אן פון יעצט!

אה מאך א ברכה און געב א בייס אריין אוי ווי זיס אוי ווי צוקערדיג איז ווען מ'דערהאלט זיך אפילו נאכן גוט איבערגיין!

שכח אייבערשטער אז מיר זענען מקורב צום הייליגן רבי'ן, צו היכל הקודש. שכח אייבערשטער אז מיר לעבן מיט לעבעדיגע לימודים אז פון א געלע וואסער מעלוינע זאל מען זיך קענען מחי' זיין אין עבודת השם!

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!**



# א טאג אינעם בית התבשיל



עס איז שוין נישט קיין נייעס אז די חסד וואס קומט פאר היינטיגע צייטן ביי כלל ישראל איז א זאך וואס איז נישט שייך אפילו מסביר צו זיין, אין כמעט יעדע צרה וואס א איד קען זיך נאר טרעפן, ווען אימער און ווי אימער, איז שוין היינט דא אן א שיעור וואוילטעטיגע ארגאנעזאציעס און חסד אפעראציעס וואס טוט אויף א געוואלד פארן ציבור.

פארט טוישט זיך אבער דאס בילד ווען מען דערמאנט נאר דעם אלעמען באקאנטן "בית התבשיל ד'קרית ברסלב" וואס שטייט מיט שטאלץ אויפן שפיץ בארג פונעם דענמאן גאס אין די ברסלב'ע שטעטל, ווי נאר מ'הערט די צוויי ווערטער "בית התבשיל" ווערט שוין רואיגער אויפן געמיט. אנשי שלומינו פון גרויס ביז קליין ווייסן שוין גוט וואס דאס מיינט, וואס מען בענעפיטירט פון אט די צוויי ווערטער, ווי רואיג עס ווערט אויפן הארץ ווען מען דערמאנט זיך פונעם בית התבשיל, ווען אימער עס זאל נאר זיין, בפרט אין פאל פון נויט.

אריינגיין אין די היסטאריע פונעם בית התבשיל איז נישט אזוי ווייט וואס ברענט יעצט ווי דער מיליאן-דאלערדיגע-פראגע וואס רובם ככולם פרעגן פון זיך און פון אנדערע: "וואס ליגט אלץ אונטערן "בית התבשיל?"

אין א גרינעם דאנערשטאג אינמיטן זומער נעמט אונז האיש החסד הר"ר שלמה יאקאבאוויטש הי"ו – מנהל בית התבשיל – מיט אויף א שטיקל רייזע מיטצוהאלטן וואס עס טוט זיך אלץ אפ א טאג אינעם בית התבשיל, באקומענדיג די מעגליכקייטן פארצושטעלן אויפן שפיץ גאפל אביסל מער ווי איך האב געוואוסט ביז יעצט, וואס עס טוט זיך אלץ אפ צווישן די פיר ווענט פונעם אומגלויבליכער חסד אפעראציע.

"זאלסט נישט מיינען אז איך האב ערנסטע פלענער פאר היינט" גייט ער אריין אינעם בית התשיל טעמע, "בית התבשיל איז נישט קיין אפיס וואס ווערט געפירט מיט א פונקטליכער סדר היום, מ'הייבט אן דעם טאג און די חסד געלעגנהייטן קומען שוין אונטער..."

# 9:50 AM

דעם "גוט מארגן" מיינער אינעם בית התבשיל איז געווען זיך צוקוקנדיג ווי ר' שלמה'ס טעלעפאן קלינגט, צוויי אידן אויף די ליין רופן אים אריין, נישט קיין צווייטער ווי ר' ליפא שווארץ הי"ו און ר' אהרן שלמה שווארץ הי"ו – די צוויי אידן וואס ווערן אומאפיציעל געטיטלט אלס דער רוקן ביין פון אט דעם הייליגן ארגאנעזאציע: "וואס זאגסטו צו א חלוקה אויף היינט נאכט?" האט ר' ליפא געלאזט פאלן זיינע דרייסטע ווערטער, און אויפן סעקונדע איז דער ענטפער געווען: "אדרבה ואדרבה", "העמיר רעדן, כל טוב".

די טעלעפאן ווערט אראפגעלייגט און די ועד הנהלת בית התבשיל הייבן אן ארבעטן פיבערהאפטיג, די טראק אריינצופארן אין שטאט, דער דרייווער פארן טראק, אפשמועסן ווען אפצונעמען די עסן, אויסשטעלן די חלוקה, וואו, וויפיל אזייגער, און פיל מער דעטאלן וואס איז פשוט נישט שייך אראפצולייגן אויף פאפיר. דאס האט מיך שוין אנגעצינדן זעענדיג בחוש אז הינטער יעדע חלוקה ליגט אומצאליגע כח און מח וואס קיינער האלט פשוט נישט מיט.

# 11:14 AM

דעם אלעמען באקאנטן בית התבשיל פיק-אפ-טראק דרייט זיך אריין אינעם גרויסן לעמאנעיד פארקינג לאט, ווי ר' שלמה קומט ארויס פונעם סופערמארקעט מיט דריי נאכפאלגנדע ערלים שלעפנדיג שווערע קעיסעס וואסער באטלעך און אייז זעקלעך, און נאכן זיי אריינלייגן אינעם טרעקל פארט עס ווייטער צום קומענדיגן דעסטינאציע.

דא וועל איך נישט אויפהאלן ר' שלמה צו פרעגן וואס די באטלעך וואסער זענען, נישט ווייל ר' שלמה האט א פראבלעם אז איך שטער אים, נאר פשוט ווייל ווער נאך ווי איך ווייס וואס די באטלעך וואסער באדייט...

ווען בצפרא דשבתא אין די פארטאגס שטונדן שפאצירן צענדליגע אידן אין שטעטל צום גרויסן בית המדרש זיך גרייטנדיג אויף א דערהויבענעם שחרית מיט אלע מפרשים, ווי מען גייט לאנגע שטרעקעס צופיס ווען די וועטער שפילט אין די הויכע אכציגער גראד,



# א טאג אינעם בית התבשיל




בארג ארויף און אראפ, עס גיסט זיך ימים שווייס פון אלע זייט, די זון באקט אין פולן קראפט און די פיס הייבן אן ווידערשפעניגן אין איר ארבעט... מען זוכט א טראפקעלע קאלט וואסער און א ד' על ד' צו קענען קומען צו זיך, ביז מען קומט אן צו איינע פון די בית התבשיל וואסער סטאנציעס און מ'כאפט א שלוק וואסער, אה... כמים קרים על נפש עיפה פשוטו כמשמעו, פאר דעם אליינס זאל זיי דער אייבערשטער באצאלן כפל כפלים.

## 2:49 PM

"יא שלומי, אנטשולדיגט פארן שטערן. מיין ווייב איז יעצט אין גראסערי און שטייט מיט א פולע וואגן מיט די פשוט'ע באשטאנדטיילן וואס יעדע אידישע שטוב דארף האבן צו קענען שבת מאכן, זי שטייט ביים קעשיר און די אקאונט איז שוין אפגעשפארט, די צוויי קארטלעך וואס זי האט אויך זיך האט מען שוין געסווייפט אהין און צוריק און גארנישט ארבעט. איז דא עפעס א מעגליכקייט אז דער בית התבשיל זאל קענען ארויסהעלפן אין די סצענע?"

בשעת'ן קומען צו זיך פון הערן די ווייטאגליכע טעלעפאן רוף פון דער אינגערמאן וואס זיצט נעבן מיר אין בית מדרש וואס איך וואלט נישט געקענט אויסטראכטן אז ער האלט יעצט אינמיטן דורכגיין א שווערע פינאנץ צושטאנד, טוט הנהלת בית התבשיל די ארבעט זייערע מיטן זיך פארבינדן מיטן ארטיגן געשעפטס מאן, און נאך געציילטע מינוטן האט די פרוי ארויסשפאצירט געמיטליך פון געשעפט מיט פילע זעק און פעק מכל טוב וטוב לכבוד שבת קודש.

"דו האלטס נאר מיט וואס איך טו ווייל איך טראג דיך דא ארום" טוט ער מיר קלארשטעלן, "דו דארפסט דיך אריינזעצן ביי אלע פון די עסקנים פונעם בית התבשיל און זען וואס זיי טוען אלץ אפ. הר"ר יחזקאל סאמעט שליט"א, וואס נאכן זיצן א גאנצן טאג און לערנען מיט תינוקות של בית רבן, צווישן לויפן אויף הצלה קאלס און מסדר זיין דעם בנין אין אומאן - מאכט ער זיכער אז אידן זאלן האבן שפע. און אזוי אויך די אומבאשרייבליכע ארבעט וואס הר"ר משה יחיאל פעלדמאן הי"ו - בעל ה'לעמאנעיד גראסערי - לייגט אריין אינעם חסד פאבריק."

## 4:06 PM

ר' שלמה זעצט זיך אוועק און אטעמט אריין א טיפע אטעם. אויב האט זיך מיר שוין געדאכט אז ער גייט זיך יעצט אביסל אפרוען האב איך מיך שנעל איבערצייגט אז נישט... בשעת וואס ער קלינגט אריין געציילטע אידן פרעגן אויב זיי קענען ארומפארן מארגן פרייטאג אין די געשעפטן צו אפנעמען די נארהאפטיגע מאכלים וואס ווערן פארטיילט יעדן ערב שבת ביים בית התבשיל, א שטייגער ווי חלות, דיפס, פיש, פלייש, מזונות, און פיל מער. "אנשטאט די גארבעדש זאל נהנה זיין דערפון זאל נאך א איד האבן א שבת סעודה!" איז געווען זיין שפריכווארט.

## 5:22 PM

מ'גיימיר ווייטער. מ'האלט שוין נאכמיטאג און דער בית התבשיל איז מקיים דעם 'עוד היום גדול' בתכלית ההידור. ר' שלמה דערציילט ווי בשעת מיר רעדן דא איז ר' משה יחיאל פארנומען זיכער צו מאכן אז אלע שבת פעקלעך קומען אן צום דעזיגנירטן -

















"שבת פעקלעך? פארוואס האב איך גארנישט געוויסט דערפון?" איז געווען מיין נייגעריגע שאלה.

ר' שלמה נעמט די מיה מיר צו ענטפערן: "צווישן אנשי שלומינו, דיינע און מיינע ברודער זענען דא משפחות וואס באקומען וועכנטליך א שבת ארדער, קיינער ווייסט נישט, קיינער זעט נישט, עס איז דא א באשטימטע פלאץ ווי מען קען עס קומען אפנעמען. און בכלל - לייגט ר' שלמה צו - האט דער בית התבשיל א פאליסי, אז עס איז נישטא אזא זאך זאגן 'ניין' פאר א איד, וועלכער איד עס קלאפט נאר אויפן טיר בעטן הילף, קיין חילוק ווער עס איז און ווען עס איז, איז גלייך די ענטפער 'יא!' צו עס מיינט גיין אין גראסערי אנפילן דאס וועגעלע אהיימצוברענגען עסן פאר די ווייב און קינדער, צו עס מיינט א וועכנטליכע שבת פעקל, אדער סיי וואס עס זאל נאר זיין.

# 6:00 PM

דער בית התבשיל הויפטקווארטיר אויף די דענמאן גאס ווירבלט שוין ווידער ווען ר' אהרן שלמה שווארץ מיט ר' יחזקאל סאמעט פארן אריין מיט א ריזן טראק אינעם בית התבשיל פארקינג לאט, אירע טירן עפענען זיך און איך הייב אן שפירן ווי איך בין אין א ערנסטע ווערירהאוז, ס'טוט זיך באקסעס אויף באקסעס, פעלעטס, קאנטעינערס, מען פאקט אויס און אויפהער, אלעס שיין מסודר אידן זאלן קענען נעמען גרינג און געשמאק פון אלעם גוטן.

# 7:05 PM

נאך א גוטע שעה פון אויספאקן אלע סארטן נאראהאפטיגע מאכלים הייבן אן די קארס זיך צו פארמערן, און עס איז נישטא קיין גרעסערע פארגעניגן ווי צו זען אינג און אלט, פון אלע סארטן משפחות, יעדער קומט נעמען, מען פילט זיך אן די קארס פון אלעם גוטן. און די שמייכלען... אוי, די שמייכל אויף זייערע פנימ'ער, "פאר דעם אליין האט זיך געלוינט די גאנצע הארעוואניע" זאגן זיי אלע בפה מלא.

# 7:11 PM

"זיי געזונט" האט ר' ליפא ארויסגעשריגן פון קאר. הגם מען האט קוים אנגעהויבן די חלוקה און עס איז נאך דא וואס צו טון, אבער ער דארף זיך יעצט צויאגן, ווייל אכט אזייגער קומט מען שוין נעמען נאכטמאל וואס דער בית התבשיל שטעלט צו אין די זומער סעזאן, די עס ספאצירט נישט אליין אהער, איינער דארף עס ברענגען...

"ווייסט וואס איך וועל דיר אויסזאגן?" האט זיך ארויסגעגליטשט פון שלומי'ס מויל, "ערנסטע פלענער ווערן זיך יעצט בנוגע צושטעלן נאכטמאל טעגליך אין די ווינטער אויך, מען ארבעט נאך אויף א לאקאל און נאך קליינע דעטאלן, און מען האפט צו קענען מעלדן די גוטע נייעס ווי אמשנעלסטן בעזר השם.

# 10:34 PM

# א טאג אינעם בית התבשיל

דא בין איך שוין באמת געווארן איבערגענומען, ווען נאך מעריב וויל איך אנרופן ר' שלמה ארויסצוברענגען וואסערע פארהוילענע פאקטן עס איז מיר אנטדעקט געווארן היינט, אבער ער איז נאכאלץ פארנומען... ער זארגט אז די איבערגעבליבענע עסן פונעם חלוקה זאל נישט גיין אין מיסט, נאר איינער זאל עס אריבערטראגן צו צוויי אנדערע געגנטער אין די קעטסקילס ראיאן אז זיי זאלן עס קענען פארטיילן, אז נאך א איד זאל קענען הנאה האבן...

## עפילאג:

גאנץ שווער קומט מיר אן זיך אפצורייסן פונעם אינפארמאציון שמועס בנוגע דער בית התבשיל אין שטעטל. וואס איך האב אלץ מיטגעהאלטן און דעם פשוט'ן דאנערשטאג, מען רעדט נישט דא פון א טאג וואס מען האט געהאט ערנסטע פלענער וואס צו ערלעדיגן, און איז אפילו נישט דומה צו א טאג אינעם פארנומענעם סעזאן ווי ערב פסח, תשרי, און אזוי ווייטער. איך בין נאך אלץ אין שאק, וואס דאס מיינט א גאנצע חבורה בני עלי' וואס זענען פארנומען בלי גוזמא פון אינדערפרי ביז אויפדערנאכט אז נאך א איד זאל האבן שפע, נאך א איד זאל קענען שבת מאכן, נאך א איד זאל קענען אהיימגיין צו זיין ווייב און קינדער אראפלייגן א פעקל ברויט אויפן טיש. הלוואי זאל קומען איינער און אפשאצן וואסערע מיליאנען (!) דאלערן דער בית התבשיל האט שוין איינגעשפארט פאר אידן בתוכינו. ווערטער זענען איבריג, כל המוסיף גורע, די שורות אויבן זאגן שוין אלעס.

אבער איין זאך האט זיך ביי מיר קלארגעשטעלט ווי קיינמאל בעפאר: דער בית התבשיל וואס הערט נישט אויף צו רודערן און טיילן, א גאנץ יאר, ווען אימער די דרייסטע און געטרייע בית התבשיל וואלונטירן וועלן נאר הערן אז איך גיי אריבער שווערע טעג, אויף איינמאל וועלן אלע פון זיי אנהייבן ארבעטן פיל מער וויפיל זייערע כוחות ערלויבן, אז איך זאל מיך קענען שטעלן אויף די פיס (מילד גערעדט).

יעצט איינמאל א יאר קומט דער בית התבשיל ארויס אין די עפנטליכקייט בעטן הילף פון מיר איך זאל זיי העלפן און שטיצן מיט גרעסערע סכומים צו ווייטער קענען אנהאלטן די פראכטפולע חסד אימפעריע, יעצט איז געקומען די צייט אז איך זאל ארויסגיין פון מיין וועג מער וויפיל מיין בערדזל ערלויבט, און שטיצן אט די הייליגע חבורה וואס רוהט נישט קיין מינוט דורכאויס דעם יאר כדי איך און מיינע ברודער זאלן האבן וואס צו עסן.

**דעם קומענדיגן זונטאג וועל איך נישט לאזן אליין - דער וואס לאזט מיך נישט אליין א גאנץ יאר, און אין דעם זכות וועט אונז דער אייבערשטער באגליקן מיט אלע ישועות, און מיר וועלן אלץ קענען זיין אויפן צד הנותן, און זוכה זיין צו אומשאצבארע זכותים.**







ש.ל. פליישמאן



# שיינער אין גראמען

ב׳ חקת תשפ״ד

## א וויטעמין וואס איז
## True, Tried, and tested.

דער ראש ישיבה האט אנגעפאנגען,
מיט אינספירירנדע געזאנגען.
פון ר׳ יום טוב ערליך׳ס גראמען,
״איך טוה גלויבן – אני מאמין״...

די הימל, פארוואלנקט אדער קלאר;
**נישטא אזא זאך ווי נאטור.**
וויאזוי קען א מענטש פון פלייש און בלוט,
זיך באוועגן און גיין טריט ביי טריט?

די גאנצע וועלט מציאות השם פארציילט,
אויך ווען א בלעטל פון בוים אראפ עס פאלט.
דער באשעפער איז באהאלטן אין דיין פראבלעם,
אוןווארט דו זאלסט זיך דערמאנען אין אים...!

טראפנס פראבירט,
זאלבן געשמירט,
געווארן פארפירט...
שטיינער געקויפט,
בלעטער געקליבט,
די נערוון צושרויפט...
צופרי ביז באגינען,
ערליך גענומען,
17 וויטאמינען...
Mind, Body, און זעהל,
וואסער ספעציעל,
אראפ פון ווייט מעהל...
דעם מומחה געטראסט,
די הויזן געקאסט,
גארנישט אויסגעלאזט...

אפשר איז שוין צייט פילייכט...
פון באשעפער **אויך** געבן א טראכט...
פון **אים** זיך **אויך** דערמאנען...
עס איז **גארנישט** אויסער אים פארהאנען!!!

מעגסט ווייטער פאר דיין וואוילזיין טון,
אבער וואו פירט עס דיר אהין?
אז עס וועט זיין מיט **תפילה** צוזאמען,
וועסטו בלייבן אינעם אייבערשטן א מאמין!!!

***צו הערן די גאנצע שיעור רופט:***
***1-212-444-9169-2-3-1-170***
***(א״י 079-70-400-70)***

# סעודה מיטן ראש ישיבה

סעודת שבת קודש ביינאכט

פרשת קרח תשפ"ד



שכח אייבערשטער איך האב געהאט די זכי' צו עסן א סעודה ביים ראש ישיבה שליט"א שבת אינדערפרי פרשת קרח. איך וועל מיטן אייבערשטנ'ס הילף פרובירן מיטצוטיילן פאר די חשובע לייענער פונעם ברסלב בלעטל ווי ווייט איך געדענק וואס איך האב געהערט און געזען ביי די פרייליכע סעודה פון דער ראש ישיבה, די סעודה איז געפארן רואיג און גאנץ שנעל, נישט געצויגן אבער זייער פרייליך.

### גייט אהיים מאכן די סעודה

דער ראש ישיבה האט א שטיק צייט נאכן דאווענען אויסגערופן אז די אינגעלייט זאלן אהיימגיין מאכן די סעודה מיט די ווייבער, און די בחורים זאלן קומען זינגען זמירות. דער ראש ישיבה האט געזינגען זמירות אין בית המדרש מיט די בחורים, ווען דער ראש ישיבה האט מיך געזען האט ער געזאגט: "גיי ארויף צו מיר אהיים, איך קום שוין ארויף".

דער ראש ישיבה איז אהיימגעקומען און געזאגט "גוט שבת גוט שבת", דער ראש ישיבה האט געגעבן פאר יעדן פלעצער און אנגעפאנגען גלייך צו זינגען שבת שלום ומבורך, הייליגער שבת לעכטיגער שבת... מען האט נישט געפעניעט, ס'איז געפארן גאנץ שנעל.

### איך דארף שוין נישט קיין פיש

א קינד האט אנגעכאפט א אנדערע קינד און זיך געקריגט האט דער ראש ישיבה אים געגעבן א נעם אוועק די הענט, און געזאגט שטרענג: "מען טאטשט נישט קיין אנדערע קינדער". אנפאנג זמירות זענען נאכנישט אלע קינדער געווען ביים טיש און מיטגעזינגען, אבער במשך פון די זמירות האט דער ראש ישיבה אריינגעברענגט אין די זמירות יעדע קינד עקסטער, יעדער אויף זיין וועג, איינעם מיט א שמייכל, איינעם דורך ווייזן ווי מען האלט, פאר איין קינד האט דער ראש ישיבה געוויזן פון דערווייטנס אויף זיין אויער אז ער וויל הערן ווי ער זינגט הויער. איינע פון די קינדער האט געהאט א פלעסטיג אין די מויל, דער ראש ישיבה האט דאס אוועקגענומען און אים געזאגט שטרענג: "שוין ביים דאווענען האב איך דיר געזאגט זאלסט עס אוועק לייגן, און זיך נישט שפילן מיט דעם".

פאר קידוש האט דער ראש ישיבה געהייסן פאר איינע פון די קינדער זאל אריין ברענגען גלעזלעך. נאך קידוש האט דער ראש ישיבה געטיילט ווין פאר יעדן, און דערנאך גערופן אלע קינדער זיך וואשן.

נאכן וואשן האט דער ראש ישיבה אויסגעווארט זיין ווייב זאל אריינקומען, דערנאך האט מען אויפגעשניטן די חלה, אינטער די חלה איז געליגן א ענוועלאפ, דער ראש ישיבה האט געפרעגט זיין ווייב וואס איז

די ענוועלאפ? מ'האט געעפנט די ענוועלאפ און געזען אז דאס איז א אויסצייכענונג בריוו פון יוסף'ס רבי. דער ראש ישיבה האט הויך פארגעליינט די בריוו ווי וואויל יוסף איז, און ווי שיין ער פירט זיך אויף אין קלאס. דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר זיין ווייב אז ער איז אזוי פריילעך אז ער דארף שוין קיין פיש, ער איז שוין זאט פון די 'נחת צעטל', אז ער זעט אז יוסף איז אזוי וואויל. דער ראש ישיבה האט געהייסן אלע זאלן פאטשן פאר יוסף. נאכדעם האט דער ראש ישיבה געזאגט אז יעדער זאל קוקן אויף יוסף און נאכאמאל פאטשן. דער ראש ישיבה האט געפרעגט די ווייב וואסערע גוטע זאך מען גייט טיילן לכבוד יוסף? דער ראש ישיבה האט געמאכט א שטארקע מצב פון די צעטל און געזאגט אז מען מוז דאס אוועק לייגן. ביי די צופרי סעודה האט דאס דער ראש ישיבה נאכאמאל אויפגעליינט, און נאכאמאל געמאכט א מצב.

## כיבוד אב ואם איז קודש קדשים

נאכדעם האט דער ראש ישיבה געגעסן די פיש און געמאכט זיכער אז יעדער האט אלעס, פיש, דיפס, ער האט מיר געפרעגט צו איך דארף פון די דיפס? איך האב נישט געדארפט. האט ער מיר געגעבן א אנדערע דיפ און געזאגט אז דאס איז היימיש אויב דאס עס איך יא, דער ראש ישיבה האט אינזין געהאט אז יעדער זאל אלעס האבן.

דער ראש ישיבה האט געפרעגט א בחור פון ארץ ישראל וואס האט דארט געגעסן אויב ער רופט אהיים, האט ער געזאגט אז היינט האט ער נישט אהיימגערופן. האט אים דער ראש ישיבה געזאגט: "כיבוד אב ואם איז קודש קדשים".

דער ראש ישיבה האט מיר געפרעגט: "דו קענסט אים"? האב איך געזאגט: "ניין"! האט דער ראש ישיבה געזאגט: "מאך זיך באקאנט מיט אים, ער קומט פון ארץ ישראל ער איז א אייניקל פון רבי משה מרדכי לעלוב'ער, ער איז דא געקומען לערנען, און האט יעצט געענדיגט יעצט ש"ס, דאנערשטאג איז געווען די סיום". דער ראש ישיבה האט מיר געפרעגט צו איך הער די שיעורים אויפן טעלעפאן, האב איך געזאגט אז איך הער די ליל שישי שיעורים, האט דער ראש ישיבה געזאגט: "די סיום הער אויך אויס". נאכדעם איז דער ראש ישיבה ארויסגעגאנגען וואשן די הענט און אויך ארויס געטראגן זיין טעלער.

## פיר מאל געווען אויף דער וועלט

שפעטער האט דער ראש ישיבה פארציילט פאר די קינדער אז ער האט געהאט א זיידע זיין מאמע'ס טאטע'ס ...ער האט אויסגערעכנט אלע זיידעס ביז דער הייליגער ישמח משה. דער ראש ישיבה האט דערציילט: אין די שטעטל אוהעל געווען זייער א גרויסער צדיק דער הייליגער ישמח משה. איינע פון די קליינע קינדער האט געפרעגט וואס איז אוהעל האט דער ראש ישיבה געזאגט א שטעטל אין אונגארן אזוי ווי די שטעטל, האט דאס קינד געפרעגט ווי א גרויסער צדיק איז ער געווען, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ער איז געווען זייער זייער א גרויסער צדיק, ער האט אפילו געדענקט וואס ס'איז געווען פאר ער איז געבוירן.

ער איז געווען פיר מאל אויף די וועלט, איינמאל איז ער געווען א שעפעלע, ביי יעקב אבינו'ס שעפעלער. איינמאל איז ער אנטלאפן און יעקב אבינו איז אים נאכגעלאפן און אים געגעבן וואסער. די צווייטע מאל איז ער געווען פון די אידן אין מדבר, ער האט מיטגעהאלטן די מחלוקת פון קרח. זיין אייניקל דער הייליגער ייטב לב זי"ע האט אים געפרעגט ווען ער איז נאך געווען א קינד "זיידי מיט וועם האסטו געהאלטן, מיט משה רבינו אדער מיט קרח?" האט ער געענפערט אז ער איז געשטאנען אין די זייט. האט זיין אייניקל געפרעגט ווי אזוי קען זיין אז דו האסט זיך נישט אנגענומען פאר משה רבינו? האט ער געזאגט דו ווייסט וואסערע נסיון דאס איז געווען? קענסט זיך נישט פארשטעלן ווי שטארק די מענטשן פון קרח און די רבנים זענען געווען ארויף געקוקטע מענטשן. די דריטע מאל איז ער געווען ביי די ערשטע חורבן בית המקדש, און דערפאר האט ער אזוי סאך געוויינט אויפן חורבן בית המקדש און אזוי שטארק געווארט אויף משיח. האט איינע פון די קינדער געפרעגט: "און די פערטע מאל וואס איז ער געווען?" האט דער ראש ישיבה געענטפערט: "די פערטע מאל איז ער געווען דער הייליגער ישמח משה אונזער הייליגער זיידע זי"ע".

דער ראש ישיבה האט דערציילט אז ער האט געהערט פון זיין מאמע, דער ראש ישיבה האט געציילט מיט זיינע פינגערס ווי נאנט ער איז צו די מעשה, וויפיל מענטשן איז דורך די מעשה ביז ס'איז אנגעקומען צו אים. 1) ער האט דאס געהערט פון זיין מאמע 2) זיין מאמע האט דאס געהערט פון דער הייליגער סאטמארער רבי זי"ע ווען זי איז געווען ביי כל נדרי ביים סאטמארער רבי זי"ע אין שול און דער הייליגער סאטמארער רבי האט פארציילט מיט בכיות נוראות די מעשה 3) וואס ער האט געהערט פון א איד וואס איז אליין געווען אין די שול פון הייליגן ישמח משה, דער איד האט פארציילט ווי אזוי דער ישמח משה האט זיך אראפ געווארפן אויף די ערד און צוביסן די קארפעט פאר געוויין און צער און געבעטן דעם אייבערשטן "באשעפער שיק שוין משיח" און ער האט געוויינט צום באשעפער "איך מיין נישט מיך, אפילו איך וועל אליין נישט דארט זיין (דער ראש ישיבה האט געזאגט די אויסדרוק אפילו איך וועל נישט דשוינען די פארטי) אפילו מען זאל מיך פארברענען און צושפרייטן מיין אַש אויף אלע זיבן אוישנס (גרויסע וואסערן פון די וועלט) אז מען וועט אפילו נישט קענען צוזאם שטעלן מיין אַשף בעט איך אז משיח זאל קומען אויסלייזן אידישע קינדער".

דער ראש ישיבה האט נאכאמאל אפגעציילט מיט די פינגער ווי נאנט ער איז צו די מעשה, האט דער ראש ישיבה'ס טאכטער געזאגט אז זי קען זאגן אין סקול אז זי איז די פערטע נאנט צו די מעשה, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז זי קען נאך שבת קאלן באבי רוטה און איבער פרעגן די מעשה וועט זי זיין איין דור נענטער צו די מעשה. דער ראש ישיבה האט אויסגעפירט: "נארמאל אז איינער בעט אז משיח זאל קומען וויל ער אז ער זאל אויך דארט זיין, אבער דער הייליגער ישמח משה האט נאר געוואלט ס'זאל זיין גוט פאר אידן אפילו ער וועט נישט דארט זיין, דאס איז אזאך וואס איז העכער פון אונזער שכל".

## דו ביסט רחל לאה פון אוהעל?

דער ראש ישיבה האט פארציילט וואס זיין מאמע האט פארציילט אז ווען דער הייליגער סאטמארער רבי זי"ע איז אריין געקומען אין שול און ער האט געזאגט: "היינט איז הושענה רבה", האט שוין די גאנצע עולם אויסגעשאסן אין א געוויין מען האט שוין גארנישט געדארפט מער, "א כח פון א צדיק".

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז זיין באבע רחל לאה טייטלבוים ע"ה איז געקומען נאכן קריג קיין אמעריקע, די ערשטע מאל וואס זי האט געטראפן דער סאטמארער רבי האט איר דער רבי געפרעגט: "דו ביסט רחל לאה פון אוהעל"? מער האט זי שוין גארנישט געדארפט, זי האט באקומען פון דעם אזא חיזוק אז דער רבי דער צדיק קען מיך און ווייסט מיין נאמען

און זארגט פאר מיר, דאס האט איר באגלייט א גאנץ לעבן.

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז זי האט אייביג געהאט א קלייד אנגעגרייט צו קענען מקבל פנים זיין משיח, עס איז געליגן אין שאפע אנגעגרייט א שיינע קלייד, וואס דאס וועט זי אנטון אנטקעגן צו גיין משיח, זי האט געלעבט מיט דעם באמת. נאך האט דער ראש ישיבה דערציילט פאר זיינע קינדער אז די באבע רחל לאה ע"ה נאך די מלחמה האט זי געהאלטן אין איין רעדן פון באשעפער און פון משיח, איינמאל האט זי געהערט ווי איינער זאגט אז רחל לאה איז משוגע געווארן, זי רעדט אזויפיל פון משיח, פון דעמאלט אן האט זי צוגעמאכט די מויל און מער נישט גערעדט פון דעם. זי איז געווען א קלוגע פרוי זי האט געוויסט מיט יעדן איינעם וואס צו רעדן און וויפיל צו רעדן, אזוי ווי דער הייליגער זוהר זאגט: "זכאה מאן דמללי על אידנין דשמען - וואויל איז דער מענטש וואס רעדט צו אויערן וואס הערן, דאס מיינט מען רעדט נאר זאכן וואס מענטשן קענען אננעמען"

**די ברסלב'ע קרוין אינטער מיר**

מען איז אריין אין א שמועס וועגן הפצה, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז מוהרא"ש האט נישט געהאלטן פון דרוקן די קונטרסים אן די ברסלב'ע קרוין, מען האט געזאגט פאר מוהרא"ש אז אויב ער וועט אראפ נעמען די קרוין און ס'וועט נישט שטיין ברסלב, וועט די גאנצע וועלט כאפן די ספרים, אבער מוהרא"ש האט בשום אופן נישט מסכים געווען צו דעם, ער האט דווקא געוואלט מען זאל דרוקן זיינע ספרים און קונטרסים נאר מיט די קרוין פון ברסלב.

דער ראש ישיבה האט מסביר געווען די סיבה פארוואס די דיבורים האבן אזא גרויסע השפעה און דאס טוישט די גאנצע מענטש, עס קלעבט צי דעם מענטש צום אייבערשטן, דאס איז די כח פונעם צדיק, עס איז דא אסאך שיינע רעדנערס אין די וועלט, אבער צו טוישן די מענטש מיט אפאר ווערטער דאס איז נאר די כח פונעם צדיק, פונעם הייליגן רבי'ן.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אויף זיך: "וועגן דעם האלט איך די ברסלב'ע קרוין העכער מיך ביי די דרשות", און וועגן דעם האט די דרשות אזא השפעה. איך בין עפעס אזא מורא'דיגע רעדנער? עס איז דא אסאך רעדנערס, מיר רעדן פשוטע דיבורים, נאכאמאל און נאכאמאל די זעלבע זאך, מענטשן זאגן מיר אז אויב איך וועל נישט האלטן די ברסלב'ע קרוין העכער מיר וועלן אסאך מער מענטשן הערן די שיעורים, אבער די אמת איז אז נאר וועגן דעם האט דאס אזא כח, נאר בכוח הצדיק, א מענטש דארף זיין גרייט צו נעמען פונעם רבי'ן".

דער ראש ישיבה האט געפרעגט זיין קליינעם אינגל "דו ווייסט וואס קרח זינגט היינט אין די גרוב [היינט איז ר"ח]?" דער ראש ישיבה האט אנגעפאנגען זינגען "משה אמת ותורתו אמת" דאס קינד איז געווען אזוי פרייליך אז מען זינגט זיין ניגון פון חדר.

**בזיונות א גאנץ לעבן**

מען האט אריין געברענגט לעבער, דער ראש ישיבה האט מיר געפרעגט: "דארפסט כבוד?" האב איך געזאגט: "בזיונות נישט"! האט דער ראש ישיבה געזאגט אז מוהרא"ש פלעגט זאגן: "כבוד האב איך נישט, און בזיונות פעלט מיר נישט". איינער האט געזאגט פאר דער ראש ישיבה אז מוהרא"ש איז געזיצן אין בזיונות א גאנץ לעבן, די גאנצע וועלט האט גערעדט אויף אים כאילו ווער ווייסט וואס ער איז, אבער דאס איז געווען נאר ביז די טיר פון בית המדרש, איינמאל מען איז אריין אין די בית המדרש פון מוהרא"ש האט מען געזען א אנדערע בילד, א צדיק וואס איז פיל מיט חיות, פועל'ט ישועות און איז משמח יעדן איינעם, יעדע רגע איז אנגעפילט מיט העלפן אידן און אריינברענגען אמונה און תורה און דעם רבי'ן אין די וועלט, האט דער ראש ישיבה געזאגט: "אינעוויניג אינעוויניג האט ער אויך געליטן און געהאט בזיונות".

האט איינער געפרעגט צו אין די היסטאריע איז געווען א צדיק וואס זאל לעבן א גאנצע לעבן אין אזעלכע בזיונות? האט דער ראש ישיבה געזאגט דוד המלך און דער סאטמארער רבי האבן אויך געהאט בזיונות א גאנץ לעבן, ס'איז אייביג געווען לצים, די חילוק איז נאר אז דער סאטמארער רבי האט געהאט געטרייע מענטשן ארום זיך, און מוהרא"ש איז געווען א חידוש אז ער איז געווען איינער אליין א גאנץ לעבן. דער ראש ישיבה האט פארציילט אז דער בעל שם טוב'ס נשמה האט נישט געוואלט אראפקומען אויף דער וועלט ביז מען וועט אים געבן ששים גבורים סביב לה מגבורי ישראל, 60 געטרייע צדיקים בעלי רוח הקודש וואס זאלן אים ארום נעמען און היטן.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ער האט אויך בזיונות: "דו ווייסט וואס מען רעדט אויף מיר? איך האב נישט מיט קיינעם צו טון, וואס האסטו מיט מיר אז דו רעדסט אויף מיר". האט איינער געפרעגט: "ווי אזוי מאכט דאס דער ראש ישיבה טאקע?" האט דער ראש ישיבה געזאגט: "וואס זאל איך טון, זאל איך אויפהערן זאגן משניות?" נאכדעם האט ער געזאגט: "אפשר ווייל איך קום פון א שטוב וואס מען האט נישט געקוקט אויף יענעם, מען האט מיך אויפגעצויגן מיט דעם אז מען טראכט נישט וואס יענער האלט פון מיר, מען טוט וואס ס'איז ריכטיג צו טון, וואס דער אייבערשטער'ס רצון איז, און נישט וואס יענער וועט זאגן"!

דער ראש ישיבה האט געזאגט: "יעדער נעמט חיזוק פון דא, בלי יוצא מן הכלל, אבער רעדן רעדט מען". ער האט פארציילט פון א שידוך וואס איז געווען די וואך, עס ציעט זיך שוין א יאר צייט וועגן לשון הרע וואס מען רעדט.

**איבערלאזן א שטיקל חלה אויפן טיש**

נאכדעם האט דער ראש ישיבה אליינס אפגעפאקט די טיש און מכבד געווען יעדע קינד טון עפעס אנדערש, איין קינד האט ער געזאגט דו ברענג די בעזים, דו טראג ארויס די טעלערס, וכדומה. דער ראש ישיבה האט אליין אפגעווישט און ריין געמאכט די טיש פון אלע ברעקלעך.

מ'האט געלאזט א שטיקל חלה ווייל אין זוהר הקדוש שטייט אז די ברכה איז חל נאר אויב ס'איז דא עפעס אויפן טיש, די ברכה קען נישט חל זיין אויף א ליידיגע טיש. דער ראש ישיבה האט געזאגט א פשט אויף דעם, מיט די תורה פון אזמרה, אז א מענטש מוז האלטן עפעס פון זיך, א מענטש וואס קלאפט זיך אראפ איך בין גארנישט, איך בין גארנישט, קען די ברכה זיך נישט אנכאפן אויף אים, אין זוהר שטייט אז א מענטש איז אזוי ווי א טיש, די רוקן איז די טיש נאכדעם די הענט און פיס איז פיר, אזוי ווי פיר פיס פינעם טיש.

נאכדעם האט מען געבענטשט, נאכדעם האט מען געעפנט די טיר און ס'האט אנגעפאנגען צו קומען מענטשן צו די באטע.

אנשי שלומינו שטיצן אנשי שלומינו

# ווערדפולע גורלות

ווערן אויסגעראפלט
ווערן פאר די
חשובע תומכים

טיקעט פרייזן:
1
$180

1
TIP TOP
דשולערי

2
CLASSIC VISION
$250

3
א יאר מקוה

4
YOELY'S
HEATING & COOLING
7.5% OFF NEW INSTALLATION

5
TOTAL WINDOW DECOR
$500

6
UPPER SHOES
A PAIR OF MEN'S SHOES

7
BLOOMS FLOWERS
$500

8
RevealAir
$1000 TOWARDS NEW INSTALLATION

9
AGE

10
00 TOWARDS NEW DECK

11
300

*sruliHeskel

זונטאג
מטות-מסעי

| אלע | 3 |
|---|---|
| $1200 | $360 |

TOYS2 DISCOVER
TOY PACKA



12
CUSTOM SHOWROOM
שבת בייטל



15
שכר לימוד
$250
X2

18
KB GROUP
property management and construction team
$500



DURA D
$10



13
lemonade
SUPERMARKET
$500



16
ספרים
$500



19
DRY GOODS
$250



ZAFTI
RESTAURANT & TAKEOU
$3



14
DELICIOUS FISH
Liberty, NY
$250



17
D&S
APPLIANCES
$500



20
Delicate Rose
FINE LINGERIE
LIBERTY, NY | 347.693.7915
$250



# מעשיות פון תפילה



ל. וועבערמאן
קרית ברסלב

איך האב געדארפט וויכטיג א שווארצע סקורט פאר מיין מיידל, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען ארויסגיין שאפינג קויפן די סקורט, דער אייבערשטער האט געהאלפן אז מיין מאן האט מיך געקענט טראגן און איך האב געקענט קויפן וואס מען דארף.

אינדערהיים האב איך געזען אז די סקורט איז א סייז גרעסער, ס'האט מיר געבאדערט, אז איך צאל שוין יא זאל עס שוין זיין די ריכטיגע סייז. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל וויסן וואס צו טון, זאל איך עס צוריק טראגן אדער נישט.

קומענדיגן טאג בין איך געגאנגען העלפן אין באזאר, און וואס זע איך דארט הענגן? א סקורט ממש די סייז וואס איך דארף.

מ. קודובה
ביתר

1. ס'האט מיר פארלוירן זייער א וויכטיגע SD קארד, איך האב עס געזוכט איבעראל און איך האב עס נישט געטראפן. פארשטייט זיך אז איך האב זיך נישט פארלוירן און איך האב זיך גענומען בעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס טרעפן, און אויך האב איך צוגעזאגט צו עס מפרסם זיין. שכח אייבערשטער איך האב עס געטראפן.

2. איך האב געהאט א חתונה פון א חבר'טע, און איך מיט נאך א חבר'טע האבן געדארפט ברענגן די גרויסע רינגס וואס מ'טאנצט ווען די כלה קומט אריין. אבער ס'איז זייער שווער צו עס שלעפן אליין.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן מ'זאל טרעפן א וועג צו עס ברענגען צו די זאל. שכח אייבערשטער אז מ'האט געטראפן איינעם וואס קומט צו די חתונה און ער האט עס געקענט ברענגן

ר. פקסיין
קרית ברסלב

מיין ציין האט וויי געטון, בין איך געגאנגען צי די דענטיסט, איך האב זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל נישט דארפן קיין שום רוט קאנאלס! זיי האבן געזאגט אז איך דארף אסאך ארבעט אויף מיינע ציינער, ארויסשלעפן די וויזדאם, אפאר רוט קאנאלס, קראונס מיט פילינגס...

איך בין געצן ביי די דענטיסט יעדע פאר וואכן, ביז ס'איז אנגעקומען צו מאכן אפוינטמענטס פאר די רוט קאנאלס/קראונס, איז שוין אויך אנגעקומען די צייט פאר נאך א שטעק-אפ/קליניג. דער אייבערשטער האט מיך ארייגעשיינט צי מאכן די אפוינטמענט ביי א צווייטע דענטיסט. ביז די אפוינטמענט האב איך ווייטער זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן מיין ציינער זאל שנעל און גרינג ווערן פארראכטן, און איך זאל נישט דארפן קיין איין רוט קאנאל! אויך האב איך אנגעהויבן דאנקען דעם אייבערשטן פאר מיינע ציינער.

איך קום אן צי די דענטיסט, מ'מאכט עקס רעיס, דער דאקטאר טשעקט מיין ציינער און ער זאגט מיך איך דארף אפאר פילינגס, איך האב געמיינט ס'גייט קומען א רייע פון זאכן וואס מ'דארף טוון, איך פרעג אים, און? און שוין! שכח אייבערשטער איך דארף נישט מאכן קיין איין רוט קאנאל!! שכח אייבערשטער פאר די ריזיגע מעשה פון תפלה.



845-379-1161
136 Huschke Rd Hurleyville NY 12747
Breslevofficeliberty@gmail.com


קינדער
בלעטל
אין טרעט נישט ארויס
פונעם קעסטל!
דעם רבי'נס חדר:
וועלכע
נאך
באקומט
מען דורך
אסאך
שלאף?

# קינדער דערציילן

## מעשיות פון תפלה

שיקט אריין אייער מעשה
פון תפלה צו:
845.379.1161

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן א נייע בייק, איך האב געבעטן מיין טאטע, און איך האב געווארט מיט געדולד ער זאל מיר עס קויפן.

ביז דערווייל האב איך ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן.

שכח אייבערשטער אז מיין טאטע האט מיר יעצט געקויפט א פיינע ספיד בייק

*אריינגעשיקט און קיין נאמען*

איין טאג האב איך געוואלט גיין שווימען, אבער ס'האט אויסגעזען ווי ס'גייט אנהייבן צו רעגענען, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ס'זאל נישט רעגענען, אזוי זאל איך קענען געהעריג גיין שווימען.

שכח אייבערשטער ס'האט נישט גערעגענט.

*ח. היימליך, קרית ברסלב, 11 יאר*

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז דאס יאר זאל מיין קלאס גיין אין קעמפ פאר זומער.

שכח אייבערשטער אז מ'איז געגאנגען אין קעמפ פאר זומער.

*יושע היימליך, קרית ברסלב 9 יאר*

איך האב געווארט אויף די באס צו גיין אין סקול, אינמיטן האט אנגעהויבן צו רעגענען.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז די באס זאל שנעל אנקומען, ווייל איך וויל נישט ווערן נאס און קאלט. שכח אייבערשטער גלייך נאכדעם איז די באס אנגעקומען.

*ר. וועבערמאן, קרית ברסלב, 10 יאר*

אסאך מאל גיי איך בעביסיטן, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען בעביסיטן אליין.

שכח אייבערשטער אז מיין שוועסטער וואס פלעגט מיטקומען ווען מ'האט געדארפט בעביסיטן, דארף שוין נישט מיטקומען, ווייל איך בעביסיט שוין אליין.

*שפרה זוסמאן, קרית ברסלב, 10 יאר*

# געמאלן

א מעשה פון תפלה




געמאלן דורך:
רייצי וועבערמאן תחי'

געמאלן דורך:
שום רייצמאן נ"י
היכל הקודש בני ברק

שיקט אריין אייער מאלערייען צו:
845.379.1161 | BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM

דעם

# רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?**



**ענטפער פון פאריגע וואך:**

הערט שוין אויף נאכצולויפן אייערע בהמות!

## ברסלב'ע חידות

**דער רבי זאגט אין שיחות הר"ן: דורך שלאפן באקומט א מענטש א שטערקערע**

א. גוף
ב. כח
ג. מידקייט
ד. אמונה

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער הייליגער רבי זאגט אין ספר המדות: אז מען זינגט צום אייבערשטן פארטאגס איז א סגולה פאר קינדער.

## גייט אריין אינעם גורל

שיקט אריין די ענטפערס צו: 845.379.1161

**און גייט אריין נאכאמאל אין גורל!**

## א שטיקעלע ספר המדות

**אֱמוּנָה** - חלק ראשון

**יב. עַל יְדֵי אֱמוּנָה, נִתְבָּרֵךְ.**

אַז מֶען גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועְרט מֶען גֶעבֶּענְטְשְׁט.



# שרייב טישל

## טרעף די ווערטער

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ע | ט | ו | נ | מ | ט | א | מ | ז |
| י | פ | כ | י | ל | ה | ר | ו | ע |
| ק | ר | א | ג | ע | ג | י | ב | ט |
| ע | א | נ | ל | ע | ח | מ | ק | צ |
| ס | ד | פ | י | ב | ר | ק | ו | צ |
| צ | ט | ק | ה | ש | י | ע | כ | ק |
| ש | ר | מ | ר | ט | ט | ע | כ | מ |
| ו | צ | ה | ה | ס | נ | ט | צ | ט |
| א | מ | י | א | ב | ג | ד | מ | ר |
| ע | ט | ו | ל | י | פ | א | ד | ע |
| ו | ו | ע | ר | נ | מ | ע | נ | ט |
| ש | ו | ק | ו | ק | ר | מ | י | ש |
| ט | ק | א | א | ה | ח | ש | ק | ר |
| ק | כ | ח | ה | ג | ח | נ | כ | ע |
| ו | י | ז | ט | י | ע | ע | ס | ב |
| ע | ו | ע | נ | ו | ס | ב | צ | י |
| ג | ס | א | ו | ו | נ | פ | ט | י |
| פ | כ | ש | ס | ו | ת | ת | ר | א |
| ק | ע | פ | א | י | ז | י | כ | י |

ווער עס גיבט נאך און ער קריגט זיך נישט, אפילו ווען ער איז גערעכט - העלפט אים דער אייבערשטער און מען געבט אים נאך וואס ער דארף.

*(עצתו אמונה מטות תשפ"ג)*

## טרעף די וועג

**רעגן איז א ברכה!**





# קליין און פיין

שיקט אריין אייער אייגן געמאכטע קונצווערק צו:
**845.379.1161**
BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM



חוי ברוין



תלמוד תורה קרית יואל



נחמן בירנבוים



כיתה א' קרית ברסלב



תלמוד תורה קרית יואל



יודי כץ



בלעפ'ס אייזל - תלמוד תורה קרית יואל

# דער אוצר אויפן באן 7

## דאס לעבן און שאפן פון מוהרא״ש זי״ע




גענומען מיט רשות פון עיר ברסלב

בס"ד

# פריילעכע נייעס
## פאר די בלעטל קינדער

**מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף טוען מיר מעלדן איבער א נייע מעכטיגע "גורל פראגראם" פאר אלע קינדער וואס וועלן אריינשיקן:**

1. די ענטפער פון די חידה
2. די שיחה פונעם בילד
3. די צען חילוקים
4. דערציילט א מעשה פון תפילה
5. געמאלן א מעשה פון תפילה

**פאר יעדע ענטפער גייט מען נאכאמאל אריין אין גורל.**

**די גורל וועט אי"ה פארקומען לייוו אויפן טעלעפאון קומענדיגן מאנטאג דברים - ראש חודש אב**

**די גורל וועט זיין אי"ה אויף $20 גיפט סערטיפיקעט ביי א טוי סטאר.**

Toys2Discover

**רופט אריין: 845-379-1161**

# געשעענישן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב



**חתונה פון החתן שלמה בריסק נ"י אין בית שמש**

קרעדיט: שלמה גוטוויין



**אנשי חיל זיצונג אין ארץ ישראל אין בעפאגרייטונג צום מסיבה קומענדיגן מאנטאג**



**אנשי חיל טיעם מענעדזשערס רופן אינגעלייט צו אנווארימען צום קאמפיין**

קרעדיט: שמואליק



**ערשטע זיצונג מיט די אנשי חיל טיעם מענעדזשערס פונעם היי יעריגן קאמפיין ביים ראש ישיבה אינדערהיים**

קרעדיט: שמעון פיש



**דער ראש ישיבה שליט"א טיילט ספר עצתו אמונה נאכן דאנערשטאג נאכט שיעור אין היכל ראזענבערג**

קרעדיט: יוסי



**דאנערשטאג נאכט שיעור אין היכל ראזענבערג - קרח תשפ"ד**

קרעדיט:  יוסי פרערויא

א נאכט צום געדענקען!

מיר ווילן אייך פערזענליך
איינלאדענען צום יערליכן

# רייכע באנקעט

## פארן בית התבשיל

דעם זונטאג פרשת מטות מסעי

### פראגראם

| | |
|---|---|
| פתיחת שערים | 8:00 |
| התחלת המעמד | 9:00 |
| א ווארט פונעם בית התבשיל | 9:45 |
| חלוקת פרסים ע"י מורינו הראש ישיבה שליט"א | 10:30 |
| ברכת המזון | 11:00 |

מיר ערווארטן אייך צו פערזענליך באגריסן

**הנהלת בית התבשיל**

א שיינע מתנה וועט פארטיילט ווערן

*sruliHeskel

# הזמנה פרטית

אל כל אחד ואחד מאנשי שלומינו אשר בשמו הטוב יבורך

זעקתו של ראש הישיבה הגיע אלינו ולליבנו
וכולנו נירתם חושים להתאסף יחד לטכס עצה איך לסייע

## למען קמפיין 'אנשי חיל'

ראש הישיבה שליט"א שולח שליח מיוחד למסיבה כאן בארץ הקודש
ומבקש באופן אישי מכל אחד ואחד **איש בל יעדר**

המסיבה לקראת הקמפיין השנתי תתקיים בעזרת השם
**ביום שני פרשת מטות מסעי תשפ"ד**

**אולם היכל דוד שעל ידי בית הכנסת הגדול**
**רבי עקיבא 53 בני ברק | בשעה 8:30 בערב**

במעמד המסיבה יהיה שידור חי
עם שיעור מיוחד לבני ארץ הקודש

## ממורינו ראש הישיבה שליט"א

כמו כן יושמעו דברים
מפי שליחו נאמן
הרה"ח ר' **ארי פיש** שליט"א

וכן נשמע דברים העומדים על הפרק
מפי מנהל המוסדות בארץ הקודש
הרה"ח ר' **יצחק פאפנהיים** שליט"א

עזרת נשים פתוחה והשתתפותן בערב תועיל מאוד לתועלת הענין

**כיבוד קל יהיה במקום**

המחכים לראותכם
**גבאי היכל הקודש בארץ הקודש**

אנשי חיל
געטרייע סאלדאטן

*sruliHeskel